# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

484 41סטער יארגאנג יוני, 1981 לאנדאן

אינהאלט זייט

לידער ............ א.נ. שטענצל 2
אויפשטאנד אין די געטאס ............ מאיר באגדאנסקי 8
ווארשעווער געטא אויפשטאנד ............ אסתר ערליכמאן 11
מרור זה (ליד) ............ יוסף הלל לעווי 12
א נסיעה פאמעלעך (המשך) ............ סילוויא שירלי 12
בערל דער שמיד פון מיין שטעטל (ליד) ............ פיליפ אלווין 19
רייזל בלום ביים זכר־פאראד ............ לאה ראבינסאן 20
מאיר צעלניקער, ע״ה ............ בערנארד מענדעלאוויטש 21
יידיש לאנדאן ............ אייזיק גאלדבערג 22
א יינגעלע (ליד) ............ אייזיק גאלדבערג 24
יוסף מעלאטעק ............ סעם גאלדבערג 25
קליין קונסט רעווי טעאטער ............ הערי אריעל 26
לידער ............ א.נ. שטענצל 27
א יידיש־פייערלעכער יומטוב אין אוניווערסיטעט פון תל־אביב ............ 33
דער פאטער פון נייעם יידישן ״נאציאנאל־טעאטער״ ............ סעם גאלדבערג 35

רעדאגירט: **א. נ. שטענצל**
**פרייז: 30 פענס**
**יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער**

Published and edited by A. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, and printed in England by Cazenove Printers, 9 Cazenove Road, London, N16 6PA. (01-806 1026)

## הונדערט יאר אברהם רייזין

פון די הויכע בית־המדרש בענק,
פון שוסטער־בענקעלע נידריקן,
זיך געזאמלט און אנגעקומען
צו הייליקן און צו ווירדיקן —

ווי ס׳וואלט נביאישער גייסט ווידער
פון די הימלען אראפ נידריקן.

באפליגלט זיינען זיי געקומען
מיט געווארק און פויגל־געזאנגען,
פון די טיפע תהומען אונטן
די העכסטע הימלען צו דערלאנגען.

גוטסקייט פאר די מענטשן צו ברענגען,
הויך הויבן הייליקע פארלאנגען.

און דווקא ער גאר, אונזער ליטוואק
אברהם רייזין, לאזט עס אונז הערן,
אז עס איז נאך אן אפן הארץ דא
פאר ערלעכע, מענטשלעכע טרערן.

אז ווי שלעכט דער מין מענטש זאל נישט זיין,
סוף כל סוף אויסגעלייזט ר׳וועט ווערן.

ווי ס׳ערלעכע הארץ קוקט דאס ארויס
פון יעטווידןווארט פון זיין שרייבן,
אז דער נישט־גלויביקסטער אפילו
מוז אנהייבן מיט אים צו גלייבן.

יא, מיט נאמבערגן און מיט אשן,
אומשטערבלעך ביי אונז ער וועט בלייבן.

מיט זיינס א לידל וויגט ער אונז איין,
זיינס א מעשהלע מאכט אונז טרוימען —
דאך דא אזא גוטסקייט אין מין מענטש
אלע בייזקייטן איינצוצוימען.

ווי שלעכט עס זאל נישט זיין דער מענטש,
גוט ר׳איז אין זיינע טיפסטע תהומען.

---

אונזער טיפן טרויער צום נפטר ווערן פונם העברעאיש־יידישן פאעט **אורי צבי גרינבערג** אין ירושלים; און דעם בארימטן יידישן שרייבער **בנימין שלעווין** אין פאריז.



## לייד-ארטיקל לכבוד פורים

וואס מיינט דען פורים?
מען זינגט און מען טרינקט,
צדיק ווערט ניצול,
רשע אין דר׳ערד זינקט.

קרעפלעך פארביסן,
שלח־מנות מען שיקט,
המן פאר מרדכין
האט זיך טיף געביקט.

המן מיט בנים
הויך אויף גאלגאן הענגט,
און די רשעים
ס׳ווערט גארנישט געשענקט.

און דאס זרשל!
פון די בנים צען,
די מאטקע־מאמע
אך נ׳ווי איר געווען.

אבער נישט תמיד
געשען ס׳טוט א נס,
דערפאר דעם ״עד דלא
ידע״ נישט פארגעס!

דאס וואס געשען ס׳איז
אין אונזערע טעג,
צומאל אין פורים
באווייגען עס מ׳מעג.

און כוס נאך כוס,
ביז קאפ זיך פארדרייט:
וואו איז גאט געווען
אין דער היטלער־צייט?

און ווען צומאל גאר,
חלילה, ווערט געוועזן?
טאטע־פאטער, אז
אזוינס געקענט געשען —

פון די פיס מען פאלט!
פון וויין, פון געוויין?
ארום מצווה־טאנץ
גאנצע ערד בלייבט שטיין —

• • •

די המן־טאשן,
מיט מאן געפילט,
פארשטעלטע קומען,
״מכירת־יוסף״ מ׳שפילט —

טיף פארטראכט מען ווערט,
די אויגן פארטרערט —
אז אזוינס געשען,
אלץ דעמלט מ׳איז ווערט.

ברודער א ברודער
פארקויפן געקענט,
ווערט נישט דאס שענסטע
אויף ס׳מיאוסטע געשענדט?

״ונהפוך הוא״ —
פארשטאנען ס׳ווערט אלץ:
צום זיסן ביסן
ס׳מוז זיין פעפער און זאלץ.

אז וואס ווייסן מיר,
א גאט, מישטיינסגעזאגט,
א שמחה, יום־טוב,
געוויין גאר, געקלאגט.

טאקע, ווי אין דער
גמרא שוין עס שטייט:
"אין שמחה בלא תוגה"
קיין פרייד אן לייד —

ע.ש.

די מלכה אסתר,
א, זי איז צו שיין,
אין אזא ליד איר
נאמען עס זאל שטיין.

## אזא פורים-ליד

איז נישט די מעשה מרדכי־אסתר
עשתר־מרדוק אויף דער לינקער זייט?
"ונהפוך הוא" — ס'איז אומגעקערט,
א פורים־שפיל אלץ — פארשטעלט, פארדרייט.

עד דלא ידע אנגעשיכורט,
אויף די פיס וואקלדיק קוים שוין מ'גייט.

דער אויפצאפל פון א געיאגט פאלק
צווישן בייזן גלות און דערלייז — —
איז דען נישט דער עד דלא ידע,
דערפאר, דער גרעסטער, בעסטער באווייז —

ווען ס'איבערגייט שוין דער כוס פון פיין,
און דעמלט ערשט אויפהערט אלדאס בייז?

דעם פולן בעכער אויסגעטרונקען
און ס'הערט אויף דעמלט מיין און דיין —
ביטערסטע שונאים צעקושן זיך,
פאלן זיך אין די ארעמס אריין — —

זינדיקסטער פאלט וואקלדיק אויף די קני,
געהייליקט און לויטערדיק און דיין.

• • •

א רבי געטייטשט "יום כפורים" —
יום־כפור ווי פורים אזוי גרויס!
מען איז מוחל איינער דעם צווייטן
און שנאת־חינם הערט אויף און אויס —

וואס קאן שוין זיין הייליקער, גרעסער,
צוויי טרינקען ברידערלעך פון איין כוס!



## 19-טער אפריל

(די פיר סטראפעס לכבוד פסח היי יאר)

דעמלט איבערן ים־סוף,
אז־ישירדיק געגאנגען — —
באפרייטע עבדים־קנעכט,
מיט פריידיקע געזאנגען.

פון דעמלט פסח יום־טוב,
לדור דורות געבליבן!
היינט — א 19'טער־אפריל,
איז גאז־קאמער געטריבן.

איצט קרעמאטאריע פלאמען,
הונדערטער שבטים־שטאמען —
טאטעס מאמעס קינדס־קינדער,
כאיש־אחד צוזאמען.

אין הייסער מינוט אונזער,
לאנד אונז צוריק געגעבן — —
חרוב צו מאכן צוריק,
ס'איז איצט זייער גאנץ שטרעבן.

## א פינפטע קשיא הא־יאר פסח

[ווייל די ערשטע סדר־נאכט פאלט גראד אויס דעם 19טן אפריל]

אז די פרילינג־זון וועט ארויס,
מיט וואס וועל איך איר גיין אקייגן?
מיט מיינע טרויעריקע אויגן
און מיט מיין פארביטערטן שוויגן?

ווער בין איך איך זאל דיך פרעגן
און מיך מישן אין דיינע וועגן?
ביסט דאך א טאטע, און א קינד
די פיר קשיות עס טוט היינט פרעגן—

אז די ערשטע בליטן כ'וועל זען,
וואס פאר א ברכה זאל איך מאכן:
"ברוך דיין אמת?" א גאט,
און משוגע מיך הויך צעלאכן?

וועל איך דיר נאר איינע פרעגן:
און א תירוץ דו זאלסט מיר געבן,
צומאל אן אייגענעם טאטן
צי קאן מען אזוינס־א פארגעבן?

## משה רבינו

וויאזוי דאס צו פארשטיין
אין דער גאנצער הגדה
משה'ס נאמען זאל נישט זיין?

ס'דערמאנט אונז אין דעם אליין,
איינס זיין מיט פאלק — אחד!
אדער צוזאם אונטערגיין.

א, אפשר א שטראף פאר זיין
"ואם אין מחיבי"?
חלילה וחס — א, ניין!

יא, אזוי הויך מ'מוז דערגיין,
אז נישט פאראן שוין דעמלט,
נישט מער מיין און נישט מער דיין —

## "שפוך חמתך"

אלע טירן עפענען זיך אויף,
אליהו קומען זאל צוגיין,
און צום טיפן הימל הויך ארויף
גיסט זיך דער "שפוך חמתך"־געוויין.

אונזערע יסורים אויסהאלטן,
א גאט, מיר קאנען דאך שוין ניט מער
די פולע לבנה אין הימל
לויכט איבער אונזערע קעפ גאטס
טרער.

ווי די שטערן אין הימל אויבן,
אונז צוגעזאגט האסט מיר וועלן זיין,
אבער ווען שויך, גאט, דיין ליכטיקייט
אין די מענטשלעכע שטערן אויפגיין?

אז דער הימל־וואגן, די שטערן,
קיין הארמאט מיט קוילן—קיין געווער
און נישט, חלילה, צום פארצוקן
קוקט אראפעט דער הימלישער "בער".

## דער טעם מסתם

פארוואס פסח
שפילט מען אין ניסן?

מן־הסתם דערפאר —
ס'דערמאנט אין נסים
אין חודש ניסן.

ווי חנוכה
מ'שפילט אין דריידל —

צומאל אין קארטן!
אפט צו דערמאנען
דאס ווארט געווינען.

## ס'ערשטע מאל ביי דער כותל

[פאר דרייסיק יאר, ערב־פסח]

**א**

אז איך האב דאך זוכה געווען
י—רו—ש—ל—ים דיך צו זען,
אויף דיינע גאסן געגאנגען — —
וואס נאך קאן א מענטש פארלאנגען?

ניין, איך בין נישט געגאנגען, ניין,
אזוי טון מענטשן־פיס נישט גיין —
ווי אויף פליגל כ'בין געפלויגן!
די פרייד דעמלט פון די אויגן — —

דער הימלישער, ליכטיקער גלאנץ!
ניט קיין טראט, ס'איז צו גאט א טאנץ
צו דער כותל כ'בין געגאנגען,
ריטם פון שענסטע געזאנגען.

און ווען די וואונדערלעכע וואנט
אנגערירט מיט ציטער פון האנט,
מיין הארץ דעמלט שטיל געשטאנען!
פאר פרייד שיער אויסגעגאנגען.

**ב**

ווי א שטיין פון איר — מיין הארץ
פארשיינערט געבליבן שטיין;
קיין איין ווארט אין מיין מויל—שטום,
מיין בליק — א קוואל פון געוויין.

ציטערדיק צאפלט מיין הארץ,
מיין האנט וואנט רירט אן קוים קוים;
זע, ס'איז דאך רייניער אות,
פתרון פונם זיסן טרוים —

צוויי טויזנט יאר געגאנגען,
און זע, אנגעקומען דאך,
אויסצוגיין פון דער פרייד,
מיט א לעצטן נשמה־פאך.

מיט מיין ליפ איך באריר זי,
פון מיין אויג פאלט א טרער אראפ;
מיר דאכט זיך כ'הער ווי זי זאגט:
"לויפסט צוריק צום פולן פלייש־טאפ!"



## ס'אייביקע פאלק

[צום גערואנגל איבער די הייליקע שטאט ירושלים]

ז'ווילן אונז עוקר־מן־השורש־זיין,
אז נישט בלייבן קיין זכר פון געביין,
צומאל קיין קבר, קיין מצבה־שטיין.

און די ירושה, וואס נאך אונז בלייבן,
זייערע יורשים קענען פארשרייבן.

ז'וועלן דאך אבער ס'גוטע נישט פארשטיין,
און צוזאמען מיט אונז ס'וועט אונטערגיין,
דערפאר מ'מוז דאך בלייבן און אייביק זיין.

ס'אייביק פאלק, וואס מוז אייביק ליידן,
איינס אן צווייטן ס'איז קוים אויסצומיידן?

## וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען?

...ווען משיח וועט קומען צוגיין,
אויפהערן עס וועט דעמלט מיין און דיין,
אלצדינג אלעמען געהערן און זיין —
ווי איבער אלע קעפ דער זונענשיין.

איבער דער גאנצער וועלט וועט אויפגיין
כאיש אחד דאס פינטעלע ייד —
גאנצע ערד אין הייליק זיך פארשטיין,
צווישן מענטש און מענטש קיין אונטערשיד.

דעמלט קיין גרענעצן נישט, קיין לענדער,
קיין געלאדענע ביקס, קיין שארפע שווערד —
וועט זיין — "והיה ד' למלך" —
איבערן גרויסן גאנצן קיילעך ערד.
— — — — — —

בלויז צי ס'וועלן נאך דעמלט מענטשן זיין?
נישט נאר מסתם — נאר גיכער אפשר ניין!
ווארום איידער צו דעם מענטשן דערגיין,
איינס ס'אנדערע ס'לעבן מסתם דערגיין.

מאיר באגדאנסקי: אויפשטאנדן אין די געטאס

דער אויפשטאנד פון די יידן קעגן די נאציס אין ווארשעווער געטא איז אויסגעבראכן אין דער נאכט פון 18טן אויפן 19 אפריל 1943. דאס איז גראד געווען אין דער ערשטער סדר־נאכט. דאס איז נישט געווען קיין צופאל. דאס איז געווען א גוט געפלאנטע סטראטעגיע פון די דייטשן. מיט עטלעכע חדשים פריער — אין יאנואר 1943 — זיינען זיי אריינגעקומען אין געטא מיטן ציל עס צו ליקווידירן פולשטענדיק. דאמאלט האבן זיי אנגעטראפן אויף א באוואפנטן ווידערשטאנד מצד די יידן. די דייטשן האבן דאן געליטן א מפלה; עטלעכע פון זיי זיינען געהרגעט געווארן, עטלעכע זייערע טאנקן זיינען צעשטערט געווארן און די דייטשן זיינען געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען ארויס פונעם געטא.

ווען מען רעדט וועגן דעמדאזיקן אויפשטאנד מוז מען דערמאנען ווער די דאזיקע צוויי צדדים זיינען געווען. די דייטשע ארמיי איז אין יענע טעג געווען די מעכטיקסטע ארמיי אין דער וועלט. זי איז באשטאנען פון די יינגסטע און קרעפטיקסטע מענטשן; אמבעסטן דערנערטע, אמבעסטן געשולטע מיליטעריש און באוואפנט מיט די בעסטע, מאדערנסטע מלחמה מכשירים.

די יידישע קאמפס ארגאניזאציע איז באשטאנען פון א פאר הונדערט אויסגעהונגערטע, אויסגעמאטערטע, פון יארן־לאנגער שווערער הארעוואניע אינם אפגעצוימן געטא. זייער באוואפנונג איז באשטאנען פון א ביסל רעוואלווערן און אויפרייס־גראנאטן וועלכע זיי האבן אליין אויסגעארבעט, אין געהיים, אין געטא גופא. די רעוואלווירן — פון עלטסטן טיפ — און דעם אויפרייס מאטעריאל האבן זיי געקויפט אין געהייט פון שפעקולאנטן, וועלכע פלעגן נעמען דערפאר הויך אויפגעשרויפטע פרייזן. אריינגעשמוגלט אין געטא האט מען עס מיט דער גרעסטער מסירת נפש און דאס געלט דערפאר האבן זיי געזאמלט צווישן זיך, פון זייערע אייגענע מאגערע לוינען.

קיין מענטשן רעזערוון האבן זיי נישט געהאט; איז איינער געפאלן — איז שוין קיין צווייטער צו פארנעמען זיין ארט נישט געווען.

אט די דאזיקע מעטים האבן זיך געשטעלט אין אן אפענעם, פנים לפנים, קאמף קעגן דעם מעכטיקן דייטשן רבים... און האבן דעם רבים פארטריבן.

אבער, די דייטשן האבן נישט אויפגעגעבן זייער אנטשלאסנקייט אומצוברענגען דעם ווארשעווער געטא. מיט א גוט סטראטעגיש אויסגעארבעטן פלאן זיינען זיי ווידער געקומען אין געטא אריין. דאס מאל אין דער ערשטער סדר־נאכט.

זייער חשבון איז געווען, אז אין דערדאזיקער נאכט, ווען אלע משפחות זיינען צוזאמען און יעדער איינער איז אין דער היים וועלן די יידן נישט זיין וואכזאם און זיי וועלן קענען דורכפירן די הרגות אומגעשטערט.

און נאך א זאך האט זיי געלאקט אויסצוקלייבן גראד די נאכט דערפאר: עס איז דאך די נאכט ווען יידן פייערן זייער באפרייאונג פון קנעכטשאפט און זיינען א ביסל אויפגעלייגט אויף די הערצער. און צעשטערן א יידישע שמחה איז פאר די נאציס געווען א ספעציעל פארגעניגן.



אבער זיי האבן געמאכט א טעות אין זייער חשבון. די ווידערשטענדלער האבן יא געוואכט און די דייטשן האבן יא באצאלט מיט קרבנות און עס האט גענומען זיבן וואכן פון אומפארשטעלבארער אכזריות פון די דייטשע אוממענטשן ביז עס האט אפגעהילכט דער לעצטער שאס פון די אויפשטענדלער.

דאס וואס איז געזאגט געווארן וועגן ווארשעווער געטא — דארף געכפלט ווערן צענטליקער מאל וועגן אנדערע געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן. עס זיינען באקאנט נעמען פון צוויי און דרייסיק געטאס און קאנצענטראציע לאגערן אין וועלכע עס זיינען פארגעקומען אזעלכע אויפשטאנדן. מען ווייסט פון זיי ווייל פון יעדן פון זיי איז געבליבן לעבן אן עד ראיה. וואס האט געקענט דערציילן דערוועגן. אבער עס איז גארנישט אויסגעשלאסן אז עס זיינען פארגעקומען אויפשטאנדן אין פול מער ערטער — נאר ווייל קיינער פון זיי איז ניט נצול געווארן ווייסט מען נישט פון זיי.

און נאך א זאך מוז מען דערביי דערמאנען: די דייטשן האבן אקופירט פיל לענדער אין מזרח און מערב אייראפע. און אלע די דאזיקע לענדער האבן זיי זיך אויפגעפירט מיט דער גרעסטער הפקרות און אכזריות לגבי דער ארטיקער באפעלקערונג. אסאך פון זיי זיינען דעפארטירט געווארן אין די קאנצענטראציע לאגערן אריין; אבער, קיינער פון זיי (אחוץ די פאלאקן — אבער דאס איז א באזונדער קאפיטל) האט נישט געשטעלט די דייטשן קיין אפענעם — פנים לפנים — ווידערשטאנד:

יא, עס האבן עקזיסטירט און טייל ערטער געהיימע ווידערשטאנד גרופן, וועלכע האבן זיך פארנומען מיט אויספירן סאבאטאזש־אקטן און זיי האבן דערביי ריזיקירט דאס לעבן. אבער דאס איז געטון געווארן און געהיים; הינטער די פלייצעס פון די נאצים. אבער דאס איז ניט דאס זעלבע וואס אן אפענער קאמף.

דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווען דער גרעסטער לויטן פארנעם און צייט דויער; דערפאר, פייערן מיר דעם טאג פון זיין אנהויב ווי דעם יארטאג פון אלע אויפשטאנדן אין אלע געטאס און אין אלע קאנצענטראציע לאגערן.

מען דארף, אבער, געדענקן אז אחוץ די באוואפנטע אויפשטאנדן איז דאס לעבן אין די געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן געווען אין לאנגע קייט פון פערמאנענטן ווידערשטאנד. בלויז דאס דערהאלטן דאס לעבן אליין יעדן טאג איז געווען א ווידערשטאנד בפועל ממש; מיט מסירת־נפש איז דאס אנגעקומען.

דער ביטערער קאמף אויפצוהאלטן דעם גשמיות האט נישט אפגעלענקט זיי פונעם רוחניות אלע קולטור אנשטאלטן אין וועלכע מענטשן נויטיקן זיך האבן, אין דער גרעסטער געהיימקייט, עקזיסטירט אין די געטאס: שולן פון אלע גראדן — פון עלעמענטאר שולן ביז אוניווערסיטעטן; טעאטער, מוזיק, ליטעראטור, קונסט גאלעריעס, עס זיינען אפילו איינגעארדנט געווארן געהיימע קונסט אויסשטעלונגען. אויב דאס אלץ איז ניט ווידערשטאנד—טא וואס איז יא?

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיינען פארנאטירט אסאך פאלן פון העלדישקייט און דערהויבנקייט. אבער די אלע זיינען בלאס אין פארגלייך

מיט דער העלדישקייט, דערהויבנקייט און קדושה פון די יידן אין די געטאס און קאנצענטראציע לאגערן.

קיינער פון אונז, וועלכער איז דארט נישט געוועזן, איז נישט מסוגל אפצושאצן די העלדישקייט און קדושה צו וועלכער זיי האבן זיך דערהויבן; און דאס איז נישט דער ציל פון אונזער פארזאמלען זיך דא. מיר, די על פי נס נצול געווארענע, וואס מיר זיינען בלוט פון זייער בלוט און פלייש פון זייער פלייש, אויף אונז ליגט א חוב צו דערמאנען דער וועלט וועגן דעמדאזיקן בלאט און איר געשיכטע כדי די מענטשהייט זאל ארויסציען דערפון א מוסר השכל פאר אלע צייטן. עס ליגט אויף אונז א חוב צו דערציילן אונזערע אייגענע יונגע דורות דערוועגן. דאס איז אונזער היינטיקער "אם אשכחך". דאס נישט דערציילן אונזער יוגנט דערוועגן קען האבן פאטאלע פאלגן; ספעציעל איצט ווען עס מערן זיך די מכלומרשטע געלערנטע, מ'שטיינסגעזאגטע פראפעסארן פון אוניווערסיטעטן — נישט חלילה אין דייטשלאנד — וועלכע באמיען זיך צו דערווייזן אז קיין קאנצענטראציע־לאגערן האבן לגמרי נישט עקזיסטירט; אז קיין יידן זיינען נישט געווארן אומגעבראכט דורך די דייטשן־שעור נישט א בלבול אויסגעקלערט אויף זיי. און איז דאס ווייניק, זען מיר איצט א נייע דערשיינונג, דוקא אין קאמוניסטישן מזרח־דייטשלאנד: דארט גרייט מען צוריק אויפצושטעלן דעם דענקמאל פונעם קייסער פרידריך דעם "גרויסן". אין שיכות דערמיט האבן דארטיקס אוניווערסיטעטן גענומען פריידיקן א "נייע" טעאריע פון דער "העכערקייט" פון די אינדא־גערמאנישע ראסן. אמאל איז עס געווען די 'העכערקייט' פון דער ארישער ראסע. די זעלבע צואה מיט אן אנדערן נאמען.

נאך א זאך ברענגט אונז אהער דא: מיר זיינען די דירעקטע אבלים נאך די אומגעבראכטע וועגן וועלכע מיר ריידן דא. זייער אומקום האט געבראכט א צעשטערונג פון די פערזענלעכע לעבנס פון יעדן פון אונז. מיר קענען זיי קיינמאל נישט פארגעסן; זיי שטייען פאר אונזערע אויגן טאג און נאכט; אונזערע הערצער זיין אנגעלאדן מיט טרערן. קיין קברים ווו צו גיין אויף קבר אבות זיינען נישט פאראן. קומען מיר אהער צו די זעקס אנגעצונדענע ליכט, וואס סימבאליזירן פאר אונז די 6 מיליאן אויסגעלאשענע לעבנס זייערע און די גיכן. מיר אויס אונזערע הערצער אויף דעם אומגליק וואס עס האט געטראפן יעדן איינעם פון אונז ווי א יחיד און אויף דעם אומגליק וואס עס האט אונז געטראפן ווי א פאלק.

דא גיבן מיר אפ כבוד די געפאלענע אויפשטענדלער און ווארשעווער געטאס. מיר גיבן אפ כבוד די געפאלענע אויפשטענדלער אינעם קאנצענטראצ־
געטא אין וועלכער געטא און אין אלע אנדערע
יע־לאגער אין טרעבלינקע, אין אוישוויץ און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע־לאגערן. מיר גיבן אפ כבוד אונזערע טאטעס און אונזערע מאמעס, אונזערע ברידער און אונזערע שוועסטער, אונזערע פרויען, אונזערע מענער און אונזערע קינדער, אלע אונזערע משפחה מענטשן, אלע אונזערע שכנים, אלע אונזערע פריינט, אלע די וואס גייען אריין אין דער ענדלאזער רשימה פון 6 מיל־



יאן פרויען, מענער, אלטע לייט און קינדער — נישט ווייניקער ווי א גאנצער מיליאן קינדער, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן דורך די נאצים מיט אלע מיתות משונות בלויז דערפאר ווייל זיי זיינען געווען יידן.

מיר גיבן אפ כבוד דעם קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער האט און יענע טעג, דא אין לאנדאן, זיך אליין געבראכט א קרבן אויף זיין אייגענער עקדה, אין דער האפנונג אז דערמיט וועט ער ברעכן די גלייכגילטיקייט פון דער וועלט צו דער אויסראטונג פון די יידן. מיר גיבן אפ כבוד די ציגיינער וועלכע זיינען דורך די נאצים אומגעבראכט געווארן אויף דעם זעלבן אופן ווי די יידן און פונקט אזוי אומשולדיק. מיר פארגיסן עפנטלעך אונזערע טרערן נישט כדי עס זאל ווער געבן א קרעכץ איבער אונז, נאר כדי דערמיט צו ווארענען די גאנצע וועלט פאר די פאלגן פון אומטאלעראנץ. צו ווארענען זיי, אז דארט ווו יידן קענען ווערן אונטערדריקט קען יעדער איינער ווערן אונטערדריקט.

די וועלט איז געגעבן צו יעדן איינעם גלייך. יעדער איינער האט דאס רעכט זיך אויסצולעבן אויף זיין שטייגער. נאציאנאלע, עטנישע און רעגיאנאלע אונטערשידן — ווען זיי ווערן טאלערירט — ברענגען בלויז א ברכה פאר דער גאנצער מענטשהייט. זיי מאכן די וועלט א בעסער ארט צום לעבן פאר יעדן איינעם.

## אסתר ערליכמאן: ווארשעווער געטא אויפשטאנד

דער ניינצענטער אפריל פאלט אויס היינטיגן יאר אין ערשטן טאג פסח, אזוי ווי אין יענעם היסטארישן טאג מיטאכט און דרייסיק יאר צוריק, ווען דאס קליינע רעשטל פון ווארשעווער געטא איז ארויס אין קאמף מיט דעם אומגלייכן און אויסזיכטלאזן גידאנק צו באקעמפן דעם שונא ארעם באוואפנט; קעגן דעם מעכטיגן מאנסטער פון דער נאצישער בעסטיע, פון יאר צו יאר דערוויסן מיר פון מער דאקומענטן אלץ מער און מער וועגן מענטשליכער דערהויבנקייט פון גאנצע גרופעס וואס האבן זיך העלדיש פארמאסטן מיט דעם ווילדסטן שונא אין דער מאדערנער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די גאנצע וועלט איז געווען טויב און שטום, און האט ניט געהערט די וויי־געשרייען נאך הילף. אין יעדן לאנד זיינען דאך פאראן מענטשן שרייבער, הומאניסטן, ווו איז געווען די וועלט וואס האבן זיך יעצט אנגענומען פאר די צוויי און פופציג אמעריקאנער דיפלאמאטן. אבער פאר די זעקס מיליאן איז קיינער ניט ארויס מיט א פראטעסט.

אויסגעליידיקט זיינען אונזערע שטעט און שטעטלאך
ניטא מער קיין יידיש לעבן דערמאנען מיר היינט אין טיפן טרויער די העלדישע קעמפער פון ווארשעווער געטא, וואס זיינען די ערשטע געווען צו נעמען געווער אין די הענט מיר דערמאנען היינט אויך די קעמפער וואס האבן געקעמפט און אוועק געגעבן זייערע לעבנס אין אנדערע געטאס מיר ווען דאס קיין מאל ניט פארגעסן און האבן אין געדאנק דעם זעלבסטמארד פון ארטהור זיגלבוים וואס האט ניט געקענט מער לעבן ווען זיינע ברידער ווערן אויסגעמארדעט. דערמאנען מיר זיי און זאגן יזכור!

## יוסף הלל לעווי: מרור זה...

מרור זה, נישט אויסגעפעלט מיר
האסטו אלע יארן לאנג.
פארשטעלט מיר — איבעראל געטריי
ווי א מאמע יעדן גאנג.

האט אמאל א גרויסע שמחה
אין מיין לעבן אויפגעטאגט,
האט מיין גורל ווי א מומחה
זי מיט מרור שוין פארבראקט...

וואס מיט מיר נישט אלץ געווארן,
איז אין יעדן כלל, און פרט —
האב איך נישט געדארפן שפארן
מרור, כ׳האב גענוג געהאט.

איז דערפאר ביים סדר־עסן
ווען מיט גוטסקייט כ׳בין באקרוינט—
מיר דער מרור נישט דערעסן,
כ׳בין צו אים שוין גוט געוווינט...

## סילוויא שירלי — א נסיעה פאמעלעך [המשך]

״די וועלט איז טאקע וואס געוועןʺ, האט לעא ווייטער גענומען רעדן מיט געדולד, ״ווייל ס׳גייט אן א מלחמה טאג־איין טאג־אויס, אז זי זאל אזוי בלייבן. עמיצער האט אויסגעטראכט דעם געדאנק פון פרייהייט; אין די שולעס לערנט מען כסדר וועגן דעם. מיט יעדן באגינען הייבט זיך אן דער קאמף, אז ס׳זאל אזוי זיין, מחמת אין משך פון דער נאכט האט עפעס א טיול זיך גענומען צו דער ארבעט איבערצוקערן די דערגרייכונג פונם טאג צופאר.״

מר. רפאל האט צוגעשאקלט מיטן קאפ. האט ער דאך נאך גוט געדענקט אין ביטערן פאגראם נאכן אנדערן. וויפל מאל האט עס אניאס מוטער נישט געהייסן איר טאכטער גיך ארונטערלויפן פונם בארג מיט דער ידיעה, אז אין זייער שטעטל וועט זיין דער נעכסטער אנפאל. . . אז זיי וועלן זיך קענען באהאלטן ביי זיי אויפן היי־בוידעם אין אניאס גוט... א געוויסן נאכמיטאג האט זיין יונגע שטיף־מאמע געשיקט זיינע שוועסטערלעך צוריק מיט אניאן, און די איבריקע קינדער זענען פארבליבן אין שטוב. יעדער איינער איז דעמאלט געבליבן ביי זיך אין הויז סאי ייד סאי גוי. נאר די פויערים פון די דערפער, וואס זענען תמיד געווען גרייט אנצוטון יענעם שאדן, האבן געווארט אויף א סיגנאל פון די רויבער־באנדעס. דער טאטע זיינער האט זיך איינגעהילט אין טלית, מיטן סידור אין דער האנט, ווארטנדיק ביז בין־השמשות. ר׳האט געלייגט די האנט אויף זונס קאפ איידער ר׳איז ארויס דורך דער טיר אויפן לאנגן, שמאלן וועג. זיי האבן געמיינט ער גייט דאווענען מנחה־מעריב. די גאנצע נאכט האבן זיי געווארט, אז ער זאל צוריקקומען אהיים, דאס ברויט טרוקן ביי זיי אין האלז; דאס וואסער צום טרינקען אין דער קרוג נישט מער פריש.

פון צימער הינטער זיך האט מר. רפאל געהערט ווי זיין ווייב רופט אים; זי האט געהאלטן אין איין טענהן, אז ער איז אן געפילן, רופט זיך נישט אפ ווי די וואנט. אבער מר. רפאל האט זיך כסדר געהאלטן אין איין דערמאנען יענעם באגינען אין שטעטל, וואס איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט. אז זיידע און אייניקל האבן געקענט האבן פארשידענע בירגערשאפטן הגם געבוירן אין געלביקן הויז. דער טאטע זיינער האט זיך אומגעקערט מיטן פרימארגן, מיט א



מענגע פריש־געדרוקטע פלאקאטן אונטער דער קאפאטע. די זקני־העיר האבן געהאט זיך אויסגעשטעלט אויף די סטראטעגישע פונקטן פון שטעטל, ווארטנדיק אויפן אויסהענגען די מעלדונגען. ווי נאר א מיאוסער פארשוין האט זיך געגעבן א טראפ־אפ אין דער פינסטערניש, האט איינער פון די זקני־העיר אראפגעריסן די דאזיקע מעלדונגען, אזוי, אז אין דער פרי האט מען נישט געקענט וויסן צי דער סיגנאל איז געגעבן געווארן.

די קינדער האבן איבערגעלייענט די דאזיקע פלאקאטן איידער מ׳האט זיי צעריסן אויף פיץ־פיצלעך, און די ווערטער האבן זיך ביי זיי אזוי איינגעברענט טיף, אז אין די שפעטערע יארן פלעגן זיי האבן א פאראהנונג אזא. ״שטייט אויף און שלאגט די יידן!״

מר. רפאל האט זיך אויסגעדרייט פון פענסטער און געקוקט אויפן ווייב ווי זי ברעכט זיך די הענט, אויף זיין אײדעם מיטן יונגן פנים אזוי פינסטער־ערנסט און אין דער זעלביקער צייט אזוי געקוועלט, און אויף טאבין, וואס האט אויסגעזען אזוי פרעכטיק־מוטיק, א יונג ווייבל, וואס איז ווי א ווידער־קול פונם מאנס רייד. אלע האבן זיי אים אויסגעזען אזוי קינדיש. לעא האט געהאלטן אין איין רעדן פון ווירדע און דעם מענטשלעכן גייסט און טאבי האט אים כסדר ארויסגעהאלפן. ״עמיצער האט דערפינדן דעם געדאנק פון פרייהייט און ווידער און ווידער לוינט עס זיך צו קעמפן פאר אט דעם.״

מר. רפאל האט צו זיי געזאגט, אז זיי פארן אין א געפאר אריין. מען וועט זיי צעשיידן. טאבי, וואס אין דער היים האט גארנישט געטון פאר זיך אליין אחוץ אויסוואשן אירע זאקן, וועט זיכער דארפן ארבעטן ערגעץ־וואו אין א קיבוץ לטובת דעם אלגעמיינעם וואוילשטאנד. בעת לעא וועט מסתמא גיין דינען אין דער ארמיי.

״אהא,״ האט פרוי רפאל געזאגט, ״לאמיר הערן וואס דער ליימענער גולם האט דאך צו זאגן. נו, רעד!״

מר. רפאל האט זיך באמיט צו איגנארירן איר סארקאזם. אבער זי האט עפעס נישט געקענט געפינען די ריכטיקע אויסדרוקן איצט בעת אלעמענס בליקן זענען געווענדט אויף אים. ער איז זיך אויך געווען באוואוסטזיניק קלאר, אז ר׳וואלט זיך געקענט באנארישן מיט די רייד. ״מיין עלטסטער ברודער,״ האט ער אנגעהויבן, ״איז אזוי פארגרעבט געווארן ביים צאר אין דער ארמיי, אז דער טאטע מיינער האט א נדר געטון קיין אנדערער זון זיינער זאל מער נישט גיין דינען אין מיליטער. היות קליינע גרופעס פלעגן יעדע וואך זיך אונטערשטעלן און גנבענען די גרענעץ, האט מיין טאטע פארקויפט זיינע צוויי קי און אונזער שטיף־מאמעס רינגל. איך, ווי איר קוקט מיך אן, האב מיך קיינמאל אין מיין לעבן נישט אויסגעצייכנט מיט העלדישקייט, האב איך טאקע מיך געשראקן.״ חוץ־מזה, האט ער שטיל גערעדט צו זיך, האט ער זיך דאך געליבט אין דער בלאנדער אניא מיט די ברוינע אויגן, וואס אירע צעפ זענען געווען אזוי דיק ווי א מאנס האנט־געלענק.

״כ׳בין אוועק, ווייל איך האב געמוזט און מיט א צוזאג אויף מיינע ליפן, אז א געוויסן טאג וועל איך ארויספאדערן מיין טאטען.״ מר. רפאל האט געמאכט

א גרימאסע אויפן פנים, דערמאנענדיק זיך מיט חרפה, אז אנשטאט צו שיקן נאכן טאטן האט ער געשיקט נאך אניאן און זי האט חתונה געהאט דווקא מיט אן אנדערן אידער א יאר איז פארביי.

״אזוי צי אזוי,״ האט ער ווידער גערעדט הויך, ״כ׳האב קיינמאל נישט געקענט צונויפקראצן גענוג געלט אריבערצוברענגען מיין פאמיליע, און ווען שוין יא, איז עס געווען צו שפעט. פינף און צוואנציק יאר דערנאך האבן די נאציס זיי אלעמען אומגעברענגט. געשחטן מיין אלטן טאטן ווי א בהמה, אן א תפילה, אן א טרער... זיין גאנצע גוטסקייט איז געווען ארויסגעווארפן. דאס שלעכטס פון וועלכן ער האט געזוכט מיך צו באשיצן, האט טריומפירט איבער אים.״ די רונצלען אויפן פנים האבן זיך כסדר געמערט.

״אוי וויי״, האט זיין ווייב אויסגעשריגן, ״מיר רעדן דאך נישט פון דיין אלטן טאטן, עליו השלום. מיר רעדן דאך פון יונגווארג !״

מר. רפאל האט נאכגעגעבן. ״וואס איך האב בדעה געהאט צו זאגן איז געווען, אז איך בין אנטרונען פון א סכנה. לעא אבער גייט צו א סכנה.״

״איך פארשטיי עס גאנץ גוט,״ האט לעא איינפאך געענטפערט. ״און איך האב אויך א השגה פון דעם, וואס איר דערציילט מיר.״

״א״, ״האט מר. רפאל געשאקלט מיטן קאפ, ״דו פארשטייסט, די פראגע איז אבער צי זי פארשטייט עס״ און האט אנגעוויזן אויף טאבין מיט א האפנונגסלאזער באוועגונג מיטן גוף.

״נאך מיט א לאנגער צייט צוריק האבן מיר אפגעמאכט ביי זיך, אז וואו מיין מאן גייט, גיי איך,״ האט טאבי זיך אפגערופן. איר פאטער האט געקוקט אויף איר, אויף איר ליב פאמיליער פנים א לענגערע ווײלע. אט דאס, פארשטייט זיך, איז געווען ווי ס׳דארף זיין. נאר פארוואס האט עס געדארפט טרעפן אויף איר און פארוואס אזוי ווייט אוועק ? איז עס נישט מאדנע, אז גראד די קינדער, געבוירן און געבילדעט דא הי׳, לעא, וועלכער האט אפילו געקעמפט פאר זיין לאנד, זאלן זיך פילן פרעמד און נישט געוואונטשן אט־א־דא ? די מעשה מיט שרשים, עס ברענגט אייך ממש אין א פארלעגנגהייט. א מענטש דארף זיין א מענטש וואו ער זאל זיך נישט געפונען. איז אים דען זיין פרנסה לייכט אנגעקומען און גידול־בנים, מוז מען איצט נאך האבן צו טון מיט פארדריסלעכע טענות ומענות...

ר׳האט געזוכט ווערטער, אזעלכע וואס זאלן איבערגעבן, מגלה זיין זיין צער, אז דאס פארפאלגן א חלום ברענגט נישט קיין נוצן. ער האט אפגעזיפצט, און באוועגט מיט די ליפן.

״בעסער שוויג״, האט פרוי רפאל זיך הארט אפגערופן. ״ס׳איז נישטא וואס צו הערן ווען דו רעדסט. העלפסט גארנישט מיט דיינע רייד. טיילמאל איז עס גארנישט צו גלויבן, אז דו האסט ממש א ציוויליזירט געפיל אין דיר״.

ר׳האט זי געלאזט מיט אירע קולות און שרייען אויף אים, און ווען לעא האט אים געוואלט איבעררייסן, האט מר. רפאל ווי זיך געבעטן ביי אים מיט א קערפער־באוועגונג עס ניט צו טון. איז ער דאך שוין געווען צוגעוואוינט צו איר



און ס׳איז געווען בעסער, אז זי זאל אויסלאזן איר כעס און פארביטערונג צו אים.

״פרייהייט געהערט אומעטום, נישט בלויז פאר אונז. אויב איר מוזט קעמפן פאר פרייהייט, קענט איר עס טון אט דא״. פרוי רפאל האט בשום אופן נישט געוואלט נאכגעבן.

לעא האט ווידער פרובירט מיט אויסגערעכנטער געדולד. ״זעט,״ האט ער געזאגט, מאכנדיק קליינע שוץ־דעכעלעך מיט זיינע איינגעבויגענע פינגער, ״פון איין זייט דא האבן מיר די, וואס ליידע און פון דער אנדערער זייט זייערע פייניקער, און נישט ווייט פון זיי די צושויער, וואס זיצן זיך אזוי און לאזן זיי ליידן. ווער איז דער ערגסטער פארברעכער?״

״הער זשע דיך גוט צו,״ האט פרוי רפאל ווייטער זיך געהאלטן ביי אירס, ״א טויטער העלד איז א קאלטע טרייסט פאר א ווייב !״

מר. רפאל האט זיך געביסן די ליפן. ״אלל רייט״, האט ער א זאג געטון. ״גענוג. איר פארט אייך אוועק אין דער פרי און גאט אליין ווייס צי מיר וועלן זיך נאך ווען זעען איינס דאס אנדערע. לאמיר שוין אויפהערן מיט די רייד״.

זיין ווייב האט שנעל א באוועג געטון מיטן קאפ. טרערן האבן זיך איר גענומען גיסן פון די אויגן, און ווי זי איז ארויסגעלאפן פון צימער, האט מר. רפאל זיך געטראכט, אז זי טראגט נאך עפעס א שנאה צו אים. טיילמאל האט ער אפילו זיך אליין געהאסט, אבער ער האט נישט געקענט אנטרינען פון דער נידערגעשלאגנקייט פון זיינע געפילן, וואס האבן אים אזוי צוריקגעהאלטן.

דער צוג איז ארויס אויף דער פרייער לופט נאך מיט אייניקע סטאציעס צוריק. ווי די טירן האבן זיך געעפנט, האט א קאלטע לופט א שטויס געטון מר. רפאל ווי ר׳איז זיך אזוי געשטאנען אינמיטן וואגאן, ווערנדיק געשטויסן פון די פאסאזשירן. פלוצלינג האט ער באמערקט, אז די נעכסטע סטאציע איז זיינע. ער פארט אהיים. הלמאי אהיים ?

היינט אין דער פרי איז ער און פרוי רפאל געווען ביים פארט זיך געזעגענען מיטן יונגן פארפאלק. טאבי איז געווען געקליידט אין א פאר דיקע בייוולנע פרויען־הויזן מיט א זשאקעטל, א קליין בלא היטעלע, וואס האט זיך געפאסט צום שאל איבער אירע קורצע האר, און לעא האט געהאט אויף זיך א טונקל־ברוינעם פליער־מאנטל, נאר אן די אריגינעלע קנעפ. אכט יונגע פארלעך זענען עס געווען, אלע ערשט נישט לאנג חתונה געמאכט, אלע זענען זיי געפארן מיט קנאפן באגאזש און מיט א פראכט־שיף. ״מיר זענען געקומען צופארן צווישנדעק און זיי פארן אלס פראכט״, האט מר. רפאל א טראכט געטון ביי זיך. ר׳האט געקושט די טאכטער מיט טרוקענע ליפן, געפילט אירע קאנוואולסיווע פינגער אין זיינע, און וואלט זי געדריקט צו זיך צום הארץ, אבער ער האט עס געלאזט פאר דער מאמען. האט אויסגעשטרעקט די האנט צו לעא, וועלכער האט זי פעסט אנגענומען און דאן צו זיין דערשטוינונג זיך איבערגעבויגן און זיך צעקושט מיט אים, אזוי, אז ס׳האט אים א טיאכטע געטון ביים הארץ באותו רגע.

״גייט שוין,״ האט טאבי א שעפסטע געטון. בלייבט נישט שטיין צו ווינקען מיט דער האנט צו אונז. לאמיר אייך זעען גיין אהיים, און געדענקט, אז מיר האבן אייך ליב״.

און א וויינענדיקע האט ער געפירט די מאמע פונם האפן צו דער אפענער גאס, פארביי א ריי מערק און וואו מ׳האט געלאדעוועט אפענע וואגנס אוועקצופירן כל־מיני סחורות איבער דער שטאט, און די באשעפטיקטע האבן אזוי מאדנע זיי נאכגעקוקט. אויף א פרוכטן־שטעל זענען געלעגן וויינטרויבן, וואס האבן אויסגעזעען די גרעסטע, די זאפטיקסטע אין מר. רפאלס אויגן.

„ווארט א ווײַלע״, האט ער א זאג געטון, און האט זיך אפגעשטעלט צו קויפן א טייל פון זיי. ווען ר׳איז צוריקגעקומען מיטן פאפירענעם בייטל, האט זי אים אפגעשטויסן פון זיך.

„א׳איז נישט אויסצוהאלטן פון דיר״, האט זי אים געזאגט. האט אים נישט געלאזט אהיימקומען צוזאמען מיט איר, און אזוי האט ער זי אויפגעזעצט אויין דער באן און אליין גענומען אן אויטאבוס צו זיין געשעפט. דעם גאנצן טאג האט ער פארברענגט מיט אויסקערן שטיקלעך זיידנצייג און פעדעם, וואס האבן באדעקט די אומבאנוצטע מאשינען, לויפנדיק מיט די פינגער איבער די דעקלעך בשעת ר׳איז געגאנגען אהין און אהער. לאנג איז ער דארט פארבליבן, אסך לענגער ווי געווענלעך אין אן ארבעטס־טאג.

דער צוג איז אנגעקומען אויף דער לעצטער סטאציע און ר׳איז שנעל ארויס הינטער די פארבליבענע פאסאזשירן, אבער דאך נישט שנעל גענוג, ווייל א האנט האט זיך אים פארקלעמט אין דער טיר.

אינדרויסן האט ער באמערקט ווי דער וואגאן נעמט אריין אין זיך א מאסע מענטשן און לאזט זיך אין וועג אריין מיט גערויש ביז צום סוף פון דער ליגיע אין שטאט. די בוימער האבן אויסגעזעען עפעס טונקעלער און געדיכטער אקייגן דעם קלארערן הימל. ר׳האט זיך אויסגעדרייט צו דער אנטקייגנגעזעצטער ריכטונג און פאמעלעך זיך געגאנגען צו דער אייגענער גאס זיינער.

ס׳ווייב זיינט האט אים א פרעג געטון, „וואס האט עס דיר עפעס גענומען אזוי לאנג, ביסט אהיימגעקומען צופוס?״

ניין, ר׳האט איר נישט געזאגט, אז ער פילט זיך אזוי מיד ווי ר׳וואלט טאקע געגאנגען דעם גאנצן מהלך צופוס. נאך אלעם, זיינע געדאנקען האבן אים געצויגן אהין און צוריק, די אלע מידע שעהן. מעשה טעות האט ער אנשטאט געזאגט צו איר, „האסט געוויינט״.

„וואס דען ? ס׳איז דען דא איבער וואס זיך צו פרייען ?״

ר׳האט זיך אנידערגעזעצט צו דער וויעטשערע און מער נישט געזאגט. ס׳איז אים געווען שוין אומדערטרעגלעך ווידער אויסצוהערן איבער איר פיין, און וואס האט ער געקענט טון דאס אויסצומיידן? האט ער געגעסן, ווייל ער האט נישט געוואלט הערן ווי זי באקלאגט זיך אויף זיין אפעטיט ; ר׳האט זי נישט געפרעגט צי זי האט שוין געגעסן.

צום סוף האט זי א זאג געטון, אז זי האט שוין מער נישט קיין טרערן, נאר בשעת זי האט עס געזאגט זענען טרערן ווידער געפלאסן פון אירע אויגן.

פלוצלינג האט ער זיך אויפגעשטעלט, „כ׳גיי ארויס״, האט ער א זאג געטון.



זי האט געקוקט אויף אים אומגלויבלעך. „וואוהין גייסטו דאס ?״ ער האט זיך אנגעטון דעם הוט און געגאנגען צו דער טיר. „צו דיינע פריינט, צו די קארטן־שפילערס גייסטו אין אזא צייט !״ מן־השמים זאל מען עדות זאגן אויף איר דערנידעריגונג און איר לייכטער מאכן איר גורל.

מר. רפאל האט נישט בדעה געהאט צו געבן א קלאפ מיט דער טיר, נאר עס איז שוין געווען צו שפעט. ר׳איז צוריק אוועק צו דער באן. אן אנדערער וואגאן איז געשטאנען און געווארט זיך אנצופילן מיט פאסאזשירן און זיי אפצופירן אין די פארשטעט אריין. מר. רפאל איז אים פארבייגעגאנגען.

זיכער האט זיך אים געגלוסט צו זיין ביי זיינע פריינט. ר׳וואלט זיך געוואונדערט מיט זיי בנוגע וואו די פראכט־שיף געפינט זיך איצט, און צי עמיצער פון זיי וועט קענען אויסשטיין אזא ים־נסיעה אויפסניי. נאך אלעם, די מערסטע פריינט זיינע זענען דאך אהערגעקומען, פארנדיק צווישנדעק מיט דרייסיק, פערציק יאר צוריק. אבער היינטיקע שיפן זענען דאך נאר עפעס אנדערש. נאר טאמער גייט ער טאקע איצט צו זיינע פריינט, וועלן זיי דען זיך נישט וואונדערן וויאזוי האט ער עס געקענט איבערלאזן זיין ווייב איינע אליין אין אזא נאכט ?

דערמאנענדיק זיך אינם ים, איז ער געגאנגען ווייטער און געדענקט ווי ר׳איז אדורך דעם אריינגאנג... און די פרוי מיטן קינד, וואס האט אזוי געוויינט. מר. רפאל האט גענומען שטעלן פיס, גייענדיק אסך גיכער ווי ווען אמאל. האט זיך פארגעשטעלט, אז לעא און טאבי זענען מיט אים. ר׳האט זיי דערציילט די מעשה, אין וועלכער ר׳האט זיך בכלל נישט געוואלט דערמאנען.

„מאראלישער מוט״, האט ער געזאגט צו לעא, „איז נישט גענוג. אפילו דיין אינטעלעקטועלער מוט איז אויך נישט גענוג. הער מיך אויס דאס מאל. בשעת איך בין אוועק פון מיין לאנד אהערצוקומען, זענען מיר געווען א גאנץ קליינע גרופע, געפירט פון אן אונטערגעקויפטער וואך צו אן ארט, וואו מיר האבן געקענט אריבערגיין די גרענעץ אן געפאר. בייטאג האבן מיר געמוזט זיין באהאלטן, און ביינאכט האבן מיר געמוזט גיין שנעל, בלינד און שטיל וואוהין מ׳האט אונז געפירט. די צווייטע נאכט איז עפעס געשעען נישט אין ארדנונג, און מ׳האט אונז געצוואונגען זיך אנידערצולייגן אין א גרובן, אלע אכט וואס מיר זענען עס געווען. מען האט אונז גיך פארדעקט מיט א גראבער לייוונט און מיט פארטרוקנטע בלעטער פון אויבן.

„מען האט אונז אפילו פארבאטן א שעפטשע צו טון,״ האט מר. רפאל ווייטער פארטגעזעצט, „און מיר האבן טאקע מורא געהאט. מיר האבן געהערט ס׳גערויש פון רעדער ארום אונז, דעם לייכטן קלאנג פון וואסער אין דער נאענט. דאס עופהלע אין די ארעמס פון דער פרוי, וואס האט זיך געדרענגט צו מיר, האט אנגעהויבן יאמערן. אין אט דער חשכה האבן די פנימער פון די אנדערע אנגעהויבן גליען מיט פחד, אנשטרענגענדיק זייערע אויגן אויף אונז. זי האט געדריקט דאס קינד צו דער ברוסט עס צו זייגן. נאר דאס קינד האט אלץ געהאלטן אין איין יאמערן. איינער פון דער וואך האט זיך אריבערגעבויגן

אין גרובן אריין און געציִשט, אז אונזער לעבן, און זײַנס אויך, וועט נישט ווערט זײַן קיין פרוטה, אויב מען וועט אונז דערהערן.

״די פרוי האט געדריקט דאס עופהלע אלץ נענטער צו זיך,״ האט מר. רפאל געשעפּטשעט צו די בוימער, אומקלאמערנדיק די הענט זײַנע. ר׳איז שוין געווען פארביי דאס בית־עולם און אויפן וועג איצט צו די פארשטעט, און בלויז די פינסטערניש האט אויסגעהערט זײַן דערציילונג.

״די מענטשן האבן זיך גערדרענגט נענטער און נענטער. דאס קינד האט גענומען וויינען אלץ העכער און די וואך האט אונז געדראט מיט דער סכנה. די פרוי האט זיך ארומגעקוקט פון איין גליענדיק פנים צום אנדערן; דער ריח פון געפאר און דערווארטונג האט באהערשט די שפאנונג.״ מר. רפאל האט געמאכט א פויזע, און זיך געפונען פנים־אל־פנים מיטן ברייטן שטח פון וואלד אויף זײַן לינקער זײַט. די בוימער האבן זיך געשטרעקט פארויס און זיך צוגעהערט. ״פאמעלעך, פאמעלעך״, האט מר. רפאל געזאגט, ״האט די פרוי צוגעדריקט דעם קינדס קעפעלע צו איר ברוסט. כ׳האב געפילט איר עלנבויגן ווי ער צע־דריקט מיר די ברוסט. דאס וויינען האט אויפגעהערט.

״אין א קורצער ווײַלע ארום האט מען אונז באפוילן ארויסצוקומען אונ־טערן פרײַען הימל. דער טייך איז געשטאנען פרײַ. א קליין רודער־שיפל האט אונז צו ביסלעך צוגעפירט צום ארײַנגאנג. די פרוי האט געלאזט פאלן דאס טויטע עופהלע אין וואסער אריין. די וויאסלעס ווי קאסעס האבן זיך ווייטער באוואויגן.״ מר. רפאל האט אויפגעהערט צו דערציילן. ר׳האט מער נישט גע־זעען נישט לעא נישט טאבי. ר׳האט זיך געוואונדערט איבער דער פרוי. ווי איז עס איר מעגלעך געווען ווייטער צו לעבן? ר׳האט געטראכט פון טאבין בעת זי איז נאך געווען א קליין מיידעלע און ווען זי פלעגט וויינען בײַנאכט, און ער איז דאך תמיד געווען ביי איר זי צוטרייסטן. וועט לעא אויך זיך געפינען אויפן ארט צו טרייסטן אירע קינדער אדער וועלן זיי וויינען אין דער נאכט און קיינער וועט זיי נישט הערן?...

וואס שטייט ער זיך דא אזוי? האט ער אין שגעון א טראכט געטון, און ווי איז ער עפעס אהערגעקומען אזוי ווייט? ער וועט גיין אהיים און זאגן צום ווייב, ״לאמיר אויך פארן קיין ארץ־ישראל. איך וועל פארקויפן ס׳געשעפט. מיר האבן דאך דא גארנישט וואס זאל אונז צוריקהאלטן.״ און ווי ער האט אריבערגע־קווערט דעם וועג צוווארטן אויף דער באן, ווייל ר׳איז נישט מער געווען זיכער ביי זיך צי די פיס וועלן אים טראגן דעם גאנצן מהלך, האט ער גאנץ קלאר דערהערט זײַן ווײַבס קול.

״צו וואס דארפן זיי דיך דארט האבן? אמאל פלעגן זקנים חלומען צו קו־מען צו קבר־ישראל אין הייליקן לאנד. הײַנטיקע צײַטן איז דאס לאנד פאר יונגע מענטשן. וואס וועסטו דארט אויפבויען, דו אלטער מאן?״

די באן האט זיך אומגעקערט, פארנדיק צו גיך, ווייל זי איז געווען ליידיק. זי האט זיך כמעט נישט אפגעשטעלט, אבער מר. רפאל איז גיך ארויס פון דער



גאס. ר׳האט געציטערט ממש משוגענערהייט. און דער מאטארמאן האט אים געמוזט העלפן זיך שטעלן גלײַך אויף די פיס.

״וואס איז דער מער מיט אײַך? איר האט אײַך אנגעשיכורט אביסל צו־פיל?״ האט ער אפגעחוזקט פון אים.

מר. רפאל האט צוריקגעשמייכלט, אײַנשטייגנדיק. אבער בעת ר׳האט זיך אנידערגעזעצט איז ער אליין אויך שוין געווען א זקן און געוויינט אן זיך צו שעמען, לאזנדיק די טרערן פאלן ווי באלזאם וואו זיי האבן געוואלט. טאבי איז געפארן קעמפן בשעת ער איז בלויז אנטרונען. האט דאס געזאלט זײַן זײַן ביי־שטייער צום לעבן? און צום טייל האט ער געוויינט, ווייל ר׳האט איבערגעלאזט זײַן טאטן צום שטארבן און טיילווייז ווייל אניא האט פארלוירן איר בטחון אין אים, און פארן טויטן קינד און זײַן מוטער, און ווייל זײַן אייגענע טאכטער איז פון אים אוועק און נישט איבערגערעדט מיט אים איבער איר איינענער מורא, און טיילווייז ווייל זײַן ווייב וועט עס גארנישט משיג זײַן וואס עס דריקט אים אויפן הארץ. נאר גרעסטנטיילס האט ער געוויינט ווייל ר׳איז שוין געען אלט אין זײַן אײַנזאמקייט און ווייל די צײַט האט אים גובר געווען... און וועמען איז די צײַט נישט גובר?

[פון ענגליש איבערגעזעצט: א. אלמוג]

## ״בערל דער שמיד פון מײַן שטעטל״ פון פיליפ אלווין

הערט א מעשה׳לע א שיינע,
כאטש זעכציג יאר איז שוין פארביי,
אבער ווען איך גיב אטראכט נאר,
איז זי שטענדיג, פריש, און ניי.

געווען ביי אונדז איז דאן א שכן,
מיטן נאמען בערל שמיד,
שטענדיג שמידן אין זײַן קושניע,
און קיינמאל ניט געווען מיד.

טראכט זיך איינמאל אט דער בערל
אז ער מוז די שטעטל ווייזן,
אז ער איז א איד א למדן,
און ניט נאר קען ער שמידן אייזן.

האט ער אויפגעמאכט דאס פענסטער,
וואס זי גייט ארויס צום גאס,
אויפגעבלעטערט א גמרא,
און געזונגען מיט זײַן באס.

און די ווייבער אויפן גאס,
האבן זיך אדורך גערעדט,
צו לערנען אלעמאל איז צײַט,
און ס׳איז קיינמאל ניט צו שפעט.

קוקט נאר ציפע אן דעם שמיד,
עס איז דאך טאקע אן עין־הרע,
ער איז ניט נאר א גוטער שמיד,
נאר לערנט אויך א בלאט גמרא.

און דערוואוסט האט מען זיך שפעטער
טאקע פון זײַן אייגן פעטער,
אז ער האט זײַן גאנצן לעבן,
קיין גראשן צדקה ניט געגעבן.

ער קען ניט לערנען, קען ניט דאווענען
און איך בעט אײַך אויך במחילה
אז ניט נאר קען ער ניט קיין עברית
נאר ניט דעם אלף־בית אפילו.

## לאה ראבינסאן: ריזל בלום ביים זכר־פאראד

היי! היי! פרוי דניאלס, איא? איר דערקענט מיך? רייזל בלום, איר האט רעכט. סארא צופאל! מיר האבן זיך דא באגעגנט ביים "א.דזש.ע.קס."• זכר־פאראד מיט א יאר צוריק, איר געדענקט? וואס זאגט איר צום פאראד דאס מאל? א קלענערער ווי אלע יאר, פארשטייט זיך. ס'איז אבער נאך א שיינע צערעמאניע, טא זאלן יידן קלייבן נחת דערפון.

שוין איין מאל א דערשטיקעניש דא הינטערן באריער! יידן, קיין עין־הרע, כחול־הים. א פאליציאנטקע האט אונטערגעזוכט מיין טאש ביים טויער. צו וואס? א שאד די צייט: מ'האט ניט חלילה קיין פלאץ צו ווארפן א באמבע.

האט קיין פאריבל ניט, פרוי דניאלס: אייערע שיך ווערן פיטש נאס אין יענער רעגן־ליזשע ביים בוים. קומט אהער, דא איז לפי־ערך טרוקן.

אייער מאן איז אינעם פאראד? די באבע אויך? ניין: ווי אלט, זאגט איר? ניין און ניינציק? ביז איבער הונדערט צוואנציק!

ניין, א דאנק, מיר האבן ניט גערדארפט היינט פארן פון מאנטשעסטער. שווער־און־שוויגער קווארטירן אונדז דאך איין. אבער יאסל מארשירט נאטירלעך מיטן מאנטשעסטער קאנטינגענט.

ס'איז געווען שרעקלעך היינט אין דער פרי, פרוי דניאלס, אז יאסל האט ניט געקענט זיין מעדאל געפינען. א שיינע זאך. אפגעפאלירט, אויסגעפוצט, באוואכט ווי אן עפל פון אויג — און נאכדעם, ניטא! א ווען האט יאסל געמאכט? א קליינקייט. גאט זאל אים מוחל זיין, ווי ר'האט גאר מיך באשולדיקט, און לא־די מיך, נאר די קינדער אויך, און דערצו שווער־און־שוויגער האט ער באשולדיקט. לסוף האט ער ברוגזדיק געמורמלט: "עט, וואס טויג זוכן? נאך אלעמען, כ'דארף ניט קיין מעדאל. וואס מיר זארג?

איר הערט די מוזיק? יא, זי איז גאר שיין און גאלאנט. ס'טיאכקעט מיר דאס הארץ.

אוי! — איר זעט יענע חצופה, ווי זי האט מיך א רוק געטאן מיטן שארפן עלנבויגן ביים שפראך איר וועג פארויס? מ'קען דערוועטשעט ווערן.

וויטהאל זעט פיין אויס, איא? ווייסער דענאטאף, פאמסענע קרענץ, שווארצלעכער הימל — איי, אט א טראפן רעגן, ר'איז מיר געפאלן אויפן שטערן. א יידישער מזל! מ'טוט אן עפן שירעמס, ווען אונדזער גוטע פלאצירונג טויגן אויף כפרות, אזוי ווי מ'קען ניט זען דורך א שירעם... זייט מיר מוחל, סער, איר קענט זיך א ביסל רירן מיט אייער שירעם? זייט מיר מוחל! אומזיסט. א רוח אין זיין טאטן אריין. פרוי דניאלס, לאזט אראפ אייער קאפ, ווען איר קענען זען פון אונטער זיין מיאוסן שירעם.

"ביג בען" טיט א קלינג: האלב צוויי. אט איז א פאליציאנט אויף א פערד. ס'קומט שוין דער פאראד! אייער מאן מיטן באבען, פרוי דניאלס, מיט ווער־עמען

---

• "אסאסיאיישאן פאר דזשואיש עקס־סערוויסמען ענד ווימען".



מארשירן זיי? מיטן "טאקסי־שאפער" קאנטינגענט? וואס, באמת? א ניינציקיאריקע, כמעט א הונדערטיאריקע, קען דען פירן מיט א טאקסי? הא, זאלט מיך אנטשולדיקן, איצט פארשטיי איך ערשט: אייער מאן איז א טאקסי־שאפער און אייער באבע גייט גאר מיט "גאלדערס גרין". א וואונדערלעכע דאמע, כלעבן. יא, כ'קען זי זען, מיין איך... כ'בין עפעס א קורצזעאיקע... אט יאסל! א קאשקעט טראגט ער. עקשן איינער, וויל ער ניט קויפן א "באלער". "פאר א צפון־ענגלאנדער", טענהט ער, "איז א 'פלאט קאפ' ריכטיק".

קוקט נאר אן דעם יידן, פרוי דניאלס, וועלכער פירט דעם ניוקאסלער קאנטינגענט. ביי אים איז א ווייסע בארד ווי ביי אליהו־הנביאן.

א ווינטל הייבט אן אוועקצובלאזן די כמארעס; דער הימל לייטערט זיך אויס. איר הערט די מעוועס? וואס האלטן זיי אין איין זוכן לויט מיין שכנטעס מיינונג זיינען זיי די שדים פון דערטרונקענע מאטראסן. ניט פאר קיין יידישער נשמה געדאכט!

;וואס טוט זיך ווייטער? איר קענט זען עפעס א פראגראם? הא, פרוי דניאלס, גיט א קוק: דער טשיף־ראביי גייט ארויף אויף דער פלאטפארמע ארויף, וועט ער באלד מתפלל זיין, אדער רעדן צום עולם. פרוי דניאלס, איך בעט אייך, זאל שוין זיין שא...

## בערנארד מענדעלאוויטש: מאיר צעלניקער, ע"ה

יידישע שוישפילער אויף דער ענגלישער און יידישער בינע האבן פארלוירן א פירנעדע פערזענלעכקייט, דעם גרויסן קינסטלער מאיר צעלניקער ע"ה.



שוין פון זיינע פריהסטע קינדער יארן, ווען ער האט געזינגען אלס משורר אין דער פראגער שוהל אין ווארשע האט מאיר צעלניקער ארויסגעוויזן טאלענט פארן טעאטער שפילנדיק קינדער־ראלן. ווען ער איז געווארן א פראפעסיאנעלער אקטיאר האט ער געשפילט אין אייראפא מיט די גרעסטע קינסטלער ווי רודאלף זאסלאווסקי, לודוויג זאץ, מאלי פיקאן, בערטא גערסטען און מיכאל מיכאלעסקא. טאקי מיט מיכאלעסקאן איז ער געקומען שפעטער גאסטראלירן אין דעם לאנדאנער פאוויליאן טעאטער אין יאר 933", וואו ער האט געשפילט כאראקטער ראלן מיט גרויס דערפאלג אין לאנדאן און אויך אין די פראווינץ פינף יאר צייט. נאך א דערפאלגרייכן טורנעי אין זוד־אפריקא האט ער זיך אומגעקערט קיין ענגלאנד.

עס איז שווער צו באשרייבן אין א קליין ארטיקל די גרויסע קאריערע פון מאיר צעלניקער אויף דער יידישער און ענגלישער בינע, אין פילמס און טעלעוויזיע, וועלן מיר נאר דערמאנען די הויפט מאמענטן. אלס אנפירער פון דעם יידישן טעאטער "גרענד פאליי" האט ער אויפגעפירט און געשפילט די סטאררָאלע פון דעם קעניג'ס פאטער אין דעם גרעסטן סוקסעס וואס עס איז אמאל געווען אין יידישן טעאטער אין ענגלאנד, "דער קעניג פון לאמפאדוסא". ער האט געגרינדעט דאס "ניי יידיש טעאטער" און אלס קינסטלערישער לייטער, אונטער דער רעזשי פון דעם גרויסן ענגלישן שעיקספיר עקספערט ראבערט אטקינס, געשפילט "שיילאק" אין "דער קאופמאן פון ווענעדיג" צו דער באגייסטערונג פון פובליקום און דער ענגלישער און יידישער פרעסע.

צווישן די געציילטע יידישע אקטיארן וועלכע זענען געווארן בארימט אויף דער ענגלישער בינע ווי פאול מוני, מאריס מאסקאוויטש, קען מען אויך פאררעכענען מאיר צעלניקער און מיר זענען שטאלץ דערמיט וואס זיין ארבעט איז פאראייביגט געווארן אין ענגלישע פילמען מיט אזעלכע סטארס ווי פאול סקאפילד אין "עקספרעסא באנגא", פיטער פינטש אין "מעיק מי אן אפער", מיט סיר אלעק גינעס אין "לאסט האלידעי" און ביי 75 יאר איז ער נאך געפארן קיין יוגאסלאוויא צו שפילן אין א פילם מיט אנטאני קווין, "די 25טע שעה".

מיר, זיינע חברים יידישע אקטיארן, זענען אלעמאל געווען שטאלץ מיט אים און ער האט אלעמאל געהאלטן אנ'אויג אויף אונז... ווייל יידיש טעאטער איז געווען ביי אים אין הארץ ביז צום סוף פון זיין לעבן.

כבוד זיין אנדענק

## אייזיק גאלדבערג : יידיש לאנדאן

עס איז כדאי א בליק צו טון אויפן יידיש־לאנדאן פון אמאל און יעצט, איבערהויפט נאך אויף ווייטשעפל, וואס האט געשמט אין דער יידישער וועלט אלס א יידיש שטעטל ד'בריטן.

אלץ האט אמאל דא אויסגעזעען אזוי היימיש־יידיש : די גאס, די שטוב, די פרעסע, די פארטייען, אפילו די רעליגיעזע יידישקייט. דאס יידישע לשון איז געווען לעבעדיק און אסך רבנים פלעגט מען הערן דרשענען אויף יידיש. א וויכטיקע ראלע אין דעמאלטיקן יידישן לעבן האט געשפילט דאס יידישע טעאטער דא. מען דארף זיך בלויז דערמאנען ווי דאס איז געווען מיט ערשט א פערציק—פופציק יאר צוריק, כדי איינצוזעען ווי גיך דאס יידישקייט האט זיך אויסגעליידיקט דא ביי אונז אין לאנדאן און אין ענגלאנד בכלל... צום באדויערן קוקן זיך די "פני", די רעליגיעזע מנהיגים, צו צו דעם אלעם מיט גל־כנילטיקייט בעת די אסימילאציע צעפרעסט דעם יידישן גוף און די יידישע נשמה...

מוז מען זיך טאקע וואונדערן ווי אין אט דעם געשעענעם מדבר לעבט נאך, כאטשע טיילווייז, דער גייסט פון יידישער קולטור. זענען דאך נאך פאראן



יחידים, קלענערע און גרעסערע גרופן, וואס באמיען זיך, כמעט מיט מסירתנפש, אויפצוהאלטן דאס גייסטיקע יידישע ווארט.

פון אט די דאזיקע, זענען עס, אין דער ערשטער ריי, "די ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס", אונטער דער פירערשאפט פונם דיכטער א.נ. שטענצל אין א משך פון איבער פערציק יאר ! אים איז עס געלונגען צוצוציען צו זיך א צאל איבערגעגעבענע "עקשנים", וואס באטייליקן זיך מיט אויספילן די פראגראמען שבת נאך שבת, לייענענדיק אונזערע קלאסיקער און זייערע נאכפאלגנדיקע שרייבער, רעציטירנדיק פאעזיע פון אונזערע אלטע און "יונגע" דיכטער. אויך ווערט געזינגען דאס יידישע פאלקס ליד אזוי אויך אין יידישע פאעטן.

אפילו דער זשורנאל "לשון און לעבן", לעבט נאך און זאל ווייטער לעבן אויף לאנגע יארן !

וויכטיק איז באזונדערס צו דערמאנען י.ח. קלינגער, דעם שרייבער, וואס איז אויך אקטיוו אויפן געביט פון יידיש, איבערהויפט מיט זיין פעריאדישער שריפט, "יידישקייט" — א יערלעכע דערשיינונג, רייכלעך אין ליטערארישן אינהאלט אן שום ספק ווערט אונטערגעשטיצט צו ווערן.

יארלאנג שוין מאכט י.א. ליסקי יעדן אנשטרענג ארויסצוברענגען זיין חודש־צייטונג, "דאס יידישע פאלק", וואו מיר קענען לייענען די וויכטיקע יידישע נייעס, וויכטיקע ארטיקלען סאי איבער ארץ־ישראל סאי איבער די תפוצות, ווי אויך אייגענע שאפונגען זיינע אין פראזע און פאעזיע. אט דאס אלץ גיט דער חודש־צייטונג א וויכטיקן ליטערארישן אינהאלט.

באגריסן מוז מען, אחוץ דעם אלעם, די "לאנדאנער חברים־טרופע" מיט חנה צעלניקער בראש, וואט פאר זיי וואלט אפשר מער געפאסט דער נאמען "בלאנדזשענדע שטערן", ווי שלום־עליכם האט זיך אויסגעדריקט. אין אט דער גרופע געפינען זיך בינע־קינסטלער, וואס האבן זיך לאנג שוין קונה־שם געוועזן, ווי חנה צעלניקער אליין, הארי אריעל, מענדעלעוויטש, בלומענזאן און פרוי, סיגאל און זיין פרוי מייטי און אנדערע. בלאנדזשען זיי טאקע ארום איבער לאנדאן און איבער יידישע ישובים אויף דער פראווינץ, כדי צו דערקוויקן יידישע הערצער מיט א לעבעדיק יידיש ווארט, א יידישן וויץ, א פארשטעלונג און סתם א יידיש פאלקסליד. מען האט א הנאה און מען קומט ווידער און ווידער זיי צו הערן אפילו אויב זייער רעפערטואר איז בלויז לייכט קינסטלעריש.

ואחרי ככלות הכל, קען מען אפמערקן אויך אן אויפלעבונג פון יידיש ביי דער אקאדעמישער יידישער יוגנט. אינם יידישן סטודענטן הויז, "הילל האוז", האט מען איינגעפירט יידישע קורסן, און דער סטודענט, מר. חייט, באטייליקט זיך אויך מיט יידישע קונסטן. אפילו אויף דער בארימטער ענגלישער אוניווערזיטעט, מיט איר באדלעיאן־ביבליאטעק, האט מען אויך געשאפן א מעגלעכקייט פאר יידישע סטודענטן זיך צו לערנען יידיש אין "סאבעל־הויז" אונטער דער אנפירערשאפט פון מר. ליפשיץ. אין אנדערע מקומות, וואו יידיש־לשון

און די יידישע ליטעראטור זענען געקנופט און געבונדען מיט העברעאיש און מיט ארץ־ישראל, האט מען זיך אויפסניי גענומען אינטערעסירן מיט אונזערע קלאסיקער אין כלערליי קלובן, פריינטשאפט־קלובן און אפילו סינאגאגע־קלובן.

נו, איז דען דאס אלץ נישט קיין סימן, אז יידיש לעבט ?!

אייזיק גאלדבערג —

## א ייִנגעלע

[וויג־ליד, געווידמעט אונזער אור־אייניקל, אשלעי דאנאוו]

ווידער איז נאך צוגעקומען
א ניי לעבן, וואס שיינט ווייט, ברייט;
און דערצו נאך א טייערער בחור —
דאס איז גאר א גרויסע פרייד.
און דער טאטע, מיט דער מאמען,
שעפן נחת גאר אן צאל,
אויך די באבעס מיט די זיידעס
פרייען זיך ווידער, ווי אמאל:

געקומען איז עס ווען אלע פעלקער
לעבן יעצט נישט אין שלום,
און ישראל צווישן זיי
מיט זיין אויסגעבענקטן חלום.
אבער ער האט צייט נאך זיך צו זארגן
סאי אלס מענטש סאי אלס ייד,
וואס ס'וועט ברענגען דער מארגן
איז איצט יעצט קיין אונטערשיד.

שלאף זשע, קינד, זיי געזונט,
איי־לו־לו — איי־לו־לו־לו,
טאטע־מאמע וויגן דיך אצינד,
איי־לו־לו־לו— איי־לו־לו־לו.

שלאף זשע, קינד, זיי געזונט,
איי־לו־לו — איי־לו־לו־לו,
טאטע־מאמע וויגן דיך אצינד,
איי־לו־לו־לו— איי־לו־לו־לו.

אלע קוקן. מען באוואונדערט
אט דאס קליינע זונדעלע,
ווי ער ליגט זיך אינם וויגל,
ארומגעוויקלט מיט א ווינדעלע.
און ער ליגט זיך אזוי רויק
אין זיין וויגל גוט און פרום...
אים איז פרעמד נאך דאס נייע וועלטל
און אלץ, וואס איז ביי אים ארום.

מיר אלע גלויבן אין דער צוקונפט,
ס'איז אלץ א חלום און נישט מער,
און עס פינקלען פון די אויגן
אזש פון פרייד ביי אונז א טרער...
ווי ביי אלע קליינע קינדער,
דיך איינוויגן וועט דאס ליד,
אז יידן וועסטו א גרויסער חכם
און דערצו א וואוילער ייד!...

שלאף זשע, קינד, זיי געזונט,
איי־לו־לו — איי־לו־לו־לו,
באבע־זיידע וויגן דיך אצינד,
איי־לו־לו־לו— איי־לו־לו־לו.

שלאף זשע, קינד, זיי געזונט,
איי־לו־לו — איי־לו־לו־לו,
טאטע־מאמע וויגן דיך אצינד,
אויך באבע־זיידע וויגן דיך אצינד
איי־לו־לו־לו— איי־לו־לו־לו.



סעם גאלדבערג, יידישער שוישפילער און פאלקס־זינגער:

## יוסף מלאטעק

יוסף מלאטעק איז נישט פון יענע, וואס קעמפן פאר געלט אדער פאר פערזענלעכן נוצן, נאר פאר זיין געפלאגט פאלק, וואס האט געמוזט אדורכמאכן אלע שבעה מדורי־גיהנום אין דער היטלער־צייט, בלייבנדיק קוים ביים לעבן.

באלד ווי די היטלער־מחבלים האבן אקופירט פוילן און ווי איינער האט געקאנט האט ער זיך געזוכט צו ראטעווען, האט יוסף מלאטעק געזוכט א רעטונג אינם סאוויעטיש־אקופירטן חלק פון פוילן. אנטרונען פון ווארשע, איז ער אנגעקומען קיין ביאליסטאק, וואו אין משך פון א יאר האט מען אים געגעבן באשעפטיקונג אין יידיש־וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, וועלכער האט זיך געפונען אין ווילנע, און אהין דארטן האט ער זיך באגעבן.

היות די מלחמה האט זיך צעפלאקערט און צעשפרייט, אזוי, אז אפילו דער סאוויעטן־פארבאנד איז אויך אריינגעשלעפט געווארן אין אט דעם קאמף, האט יוסף מלאטעק אויפסניי געמוזט טראכטן וויאזוי זיך צו ראטעווען און וואוהין. אבער דאס איז שוין א קאפיטל פאר זיך. גענוג איז צו זאגן, אז ער האט זיך דערשלעפט אזש קיין כינע. פריינט אין קאנאדע האבן אים פון כינע ארייבערגענומען אין א קליין שטעטל אריין אין קאנאדע אלס א לערער פון יידיש.

אין יאר 1947 האט דער ארבעטער־רינג אים אריבערגעבראכט קיין ניו־יארק, קרוינענדיק אים מיטן טיטל "קולטור־דירעקטאר".

איך, דער שרייבער פון אט די שורות, בין פערזענלעך געווען זער באפרייַנדעט מיטן ארבעטער־טוער און קולטור־טוער, חבר כאנין, וועלכער האט זיך אזוי גערן באטייליקט ביי מיין ערשטן קאנצערט אין לאקאל פון ארבעטער־רינג אין ניו־יארק, וואו ממש פינף הונדערט מענער פון פרויען זענען אהינגעקומען אדאנק דער איינארדנונג פון חבר כאגין פון "פארווערטס". א צייט שפעטער איז עלעכעס פארגעקומען אדאנק דער אקטיוויטעט פונם קולטור־טוער חבר יעפרויקין. אבער יוסף מלאטעק, משכמו ומעלה, האט זיי בײדע איבערגעשטיגן! איז עס דאך געווען זיין פערזענלעכער אויפטו צו זינגען יידישע לידער פאר אן ערך פינף טויזנט יידישע מענטשן, וואס פארברענגען אין פארקן און גערטנער אין ניו־יארק! געטון האט ער עס נישט א טאג אדער א וואך אדער א חודש, נאר יארן; ממש גאנצע צען יאר. אט דאס האט עס אים קונה־שם געווען. איז עס טאקע נישט קיין וואונדער, אז דער טיטל "קולטור־דירעקטאר" פאסט אים אזוי שיין צו זיין פארדינטן דערפאלג!

שונאים פון יידיש, עס זעט אויס, זענען עפעס געווארן מער ווי האפערדיק ביי זיך, אז דאס לשון איז טויט, עס גייט אונטער, מען דארף עס נישט מער, עס איז א גלות־שפראך און ענלעכעס . . .

דער אמת אבער איז, אז עס האלט נאך נישט דערביי, און יידיש וועט נאך, מסתמא, איבערלעבן אט די דאזיקע שונאים. און צי מען האט יא געטראכט

דערפון צי נישט, צי מען האט געחלומט דערפון צי נישט, איז עס דאך א פאקט, אז אן אונזער יידיש־לשון וואלטן אסך נאציאנאלע יידישע ארגאניזאציעס, ביר־גערלעכע און סאציאליסטישע, גארנישט געקענט עקזיסטירן.

אט דאס מוז מען איינזעען און טאקע צולייגן אויך א האנט צו דער עקזיס־טענץ פון יידיש. וואו אבער געפינט מען די מענטשן צוצולייגן א האנט צו אט דער איידעלער זאך ? נישט בלויז געלט דארף מען געבן, נאר אויך מי, כוח און יארן . . .

יוסף מלאטעק, איינער אזא, האט עס געטון און טוט עס ווייטער, ווייל ער איז אן עקשן פאר יידיש־לשון און יידישער קולטור. באוואונדערט מען טאקע אין ניו־יארק ווי עס טרעטן עס אויף אקטיארן אפילו ווען די היץ שיינט געפער־לעך גרויס, פאר טויזנטער יידן דארטן אין פארקן און גערטנער, און זינגען און פארוויילן זיי מיט זייערע לידער. זאל אים געגעבן ווערן ווייטער כוח און גע־זונט אנצוגיין מיט דער דאזיקער טעטיקייט, כדי ארויסצורופן דעם געהעריקן אפקלאנג ביים עולם פאר יידיש און דער יידישער קולטור.

הערמאן יאבלאקאוו, פרעזידענט פונם ארטיסטן־פאריין, מיט זיין אידייע און חלום פון א ״יידיש נאציאנאל־טעאטער״, איז דאך אויך אן עקשן פאר יידיש אויף זיין שטייגער. מוז דאך אפילו דער שונא פון יידיש איינזעען, אז אויב מיר האבן אזעלכע עקשנים מוז יידיש לעבן און וועט לעבן ! יידיש־לשון וועט אויך אויף להבא שיצן אונזער יוגנט נישט פארפרעמדט צו ווערן פון אונז און פון אונזערע סאציאלע און נאציאנאלע אידייען און אויפגאבעס ! אמן.

## הערי אריעל : קליין קונסט רעווי טעאטער

ווער זאגט עס אז יידיש טעאטער גייט אונטער ? . . נישט נאר זיינען די לאנ־דאנער אקטיארן שוין פארקאנטראקטירט ביז ענדע יאר 1981, נאר מען קאן שוין באלד נישט קריגן ביי זיי קיין שבת אדער זונטאג אין יאנואר, פעברואר און מערץ 1982. דאס איז אלץ צוליב דעם גרויסן דערפאלג פון א קליין קונסט רעווי פראגראם אויסגעפירט פון די דריי הויפט שוישפילער פון דעם אנסאמבל: חנה צעלניקער, בערנארד מענדעלאוויטש און פון מיר אליין. ווען איך האב פראיעקטירט די רעווי האבן אסך פון מיינע פריינט געלאכט פון מיר: ״איר ווילט שפילן פראגמענטן פון די ווערק פון שלום עליכם, גארדין, מאנגער, שעיקספיר ?...״ האבן זיי געזאגט מיט איראניע — ״מען דארף אייך עגזאמינירן דעם קאפ...״ נישט קוקנדיק אויף דעם האב איך מאנטירט די פראגראמען אין וועלכע עס גייען אויך אריין געזאנגען פון די שענסטע קאמפאזיציעס פון אברהם



גאלדפאדן און דאס פובליקום אין לאנדאן, ליווערפול און מאנשעסטער שטרא־מען צו אונז אין טעאטער און די אלע פעסימיסטן וואס האבן אזוי געלאכט פון מיין פראיעקט, גלויבן נישט זייערע אייגענע אויגן און אויערן ווען זיי זעהען און הערן דעם ענטוזיאזם פון דעם עולם אין טעאטער.

מיר שפילן נאך אלץ מיט גרויס דערפאלג די מוזיקאלישע קאמעדיעס פון דעם היינטיקן לעבן וואס איך שרייב פארן גאנצן אנסאמבל, נאר מיין גרויסע סאטיספאקציע ליגט אין דעם וואס די קליין קונסט רעווי האט אין דעם פאר־גאנגענעם סעזאן געהאט די זעלבע צאל פארשטעלונגען וואס עס האבן געהאט די פיעסן מיט דער גאנצער טרופע. ווען איך הער דעם עולם מיטזינגען די שיינע פאלקסלידער מיט חנה צעלניקער און בערנארד מענדעלאוויטש, ווען איך זע מיט וויפל אויפמערקזאמקייט זיי הערן אויס מיין מאנאלאג פון ״שיילאק״ און די טרערן וואס עס באווייזן זיך אין זייערע אויגן ביי חצקלדראכמע׳ס סצענע פון גארדין׳ס ״גאט מענש און טייוול״, פארשטארקט זיך מיין גלויבן אז יידיש טעאטער וועט נאך זיין מיט אונז זער א לאנגע צייט. . .

## א.נ.ש. — די מעזריטשער חברייא

אינם מעזריטשער בית־המדרש
חברייא פארדביקות געזעסן,
פארמוחט אין טיפע מחשבות ;
דער ליובאוויטשער אויפגעשפרונגען,
פון א הייליקן רוח באזעסן.

אין חדר־המיוחד פון רבין
געקומען אריין ר׳איז צו לויפן ;
״אז נישט ארויסרייסן פון מיר כ׳וועל
לעצטע ליטווישע אדער אין מיר,
וויאזוי אנגיין אויף דעם אופן ?

עס האט זיך דער רבי צעשמייכלט :
״עס גייט נישט אינם ארויסרייסן —
ס׳גייט אין מתקן זיין, דערהויבן !
ארבעטן ביז דער לעצטער רגע,
און ס׳קריצן מיט די ציין, פארבייסן״.

— — — — —

חברייא טאנצט ארום מעלעמער,
ווען ר׳איז צוריק אריינגעקומען — —
שטיל אין ראד ר׳האט זיך
אריינגעכאפט
און געוועזן ער איז מיט זיי אלע
כאיש אחד ארומגענומען.

און עס האט געפלאקערט דער ריקוד,
אין די העכסטע הימלישע הייכן :
״מי אל כמוך״, כביכול —
איז דא אזא גאט ווי אונזער גאט,
אז ווער קאן זיך צו דיר דען
פארגלייכן״ ?

כאיש אחד האט זיך ס׳ראד געדרייט,
ברידערלעך פעסט ארומגענומען
אין הארץ האט הילכעדיק געקלאפט,
מיט אזא טאנץ וועט מען אקייגנגיין,
ווען משיח בן דוד וועט קומען.

## דער "חסד לאברהם"

ס׳פארטיפטע מוחען זיך ביים טיש,
ער אליין טיילט שריים איין;
יעדער טיפער זיפץ פון זיין הארץ
רייסט זיך אין די הערצער אריין.

כאיש אחד ארום דער עולם —
איין קלאפנדיק הארץ וואס בלייבט
שטיין!

ווען גענומען תורה זאגן,
ס׳קול געווען חדווה־געוויין;
דער גאנצער עולם, הארכנדיק,
ציטערדיק כאיש אחד שטיין.

און דאס טיפסטע, און הויך־העכסטע,
גאנצער עולם ממש פארשטיין —

"ואהבת לרעך" — —
ליבן זיין פריינט ווי זיך אליין!
דער יסוד הסודות עס איז
אויף וואס די גאנצע וועלט בלייבט
שטיין.

"מעשי ידי טובעים בים" — —
ווער אזוינס קאן דען משיג זיין?!

די מידה פון קודשא בריך הוא,
זי איז דאך די גוטסקייט אליין —
מיט חסד און מיט אהבה
העכסטע הימלען מ׳קאן דערגיין.

אויב נישט, איז דאס גאנצע לעבן,
חלילה וחס, א פארגיין — —
— — — — — —

דער טאנץ דעמלט! גאנצער עולם
דעם ים געטון טון אדורכגיין;
דער "והיא שעומדים"־ניגון — —
איז עס געזאנג, איז עס געוויין?

דאס העכסטע, דאס טיף־טיפסטע,
נידריקסטער געקענט משיג זיין!

צום "ואהבת לרעך",
צו דעם א דער מענטש מוז דערגיין!
אויב נישט, איז דאס גאנצע לעבן,
חלילה וחס, א פארגיין.

נישט זיי טאנצן, נישט זיי זינגען —
צום העכסטן הימל זיי דערגיין.

## די ערשטע נסיעה

דאס ערשטע מאל, ווען דער טאטע
צום רבין מיך מיטגענומען,
קוים פינף יאר אלט געווען כ׳בין —
אן "אפגעשפראכענע מטבע"
פונם רבין כ׳האב באקומען.

אין ערשט געוועלב צוריק אין
אכסניה אריין געגאנגען,
ציקערלעך דערפאר מיר געקויפט
און דאס "אפגעשפראכענע" געלט
דעם סוחר געטון דערלאנגען.

ווען צוריק אין דער אכסניה
פון שלום־נעמען געקומען,
זאגט טאטע צו מיר שטאלץ "ווייז דאך
דאס אפגעשפראכענע געלט, וואס
דו האסט פון רבין באקומען!"

נעם איך ארויס די ציקערלעך
און כ׳טו זיי מיט פרייד באווייזן — —
עולם צעשיט זיך פון לאכן:
"א, די סוחרטע שוין האבן
מזל ברכה אין איר לייזן!"



**אויב א זיסקייט אין מיינס א ליד,**
**טייל מאל דאך אפשר צו שפירן,**
**ס׳האט זיכער א שטיקל שיכות,**
**צום נאטשן יענע ציקערלעך,**
**אויף טאטנס שויס ביים "טיש־פירן".**

אזא בלוטיקע וואונד
אין־סופיק אפענע,
קאי זי זיך פארהיילן?

מ׳וועט דען אזוינס גלויבן,
ווען לדור דורות
אזוינס מ׳וועט דערציילן?

• • •

**פארוואס "ששה נרות"**
**און זעקס חלקים גראד**
**משניות טוט זיך טיילן?**

**זעקס ווערטער שמע ישראל?!**
**ווייל זעקס מיליאן קדושים**
**געהייליקט זיך ציילן — —**

צום מין מענטש מען געהערט,
א מעשה זיך אנטון —
האנט אין פויסט זיך ביילן!

צו דעם, א גאט, האסטו
דיינע קינדער יידן
געטון טון אויסוויילן?

## פרילינג הא־יאר

**ווי וואונדערלעך ליכטיק**
**זון גייט אויף קלאר, ריין,**
**ס׳מינדסטע פלעקעלע**
**עס זאל אויף איר כאטש זיין.**

**און איך, ווי פארחושכט,**
**קייגן איר כ׳קום צוגיין,**
**אז כ׳שעם מיך צו קוקן**
**אין איר פנים אריין.**

מיט פארמאכטע אויגן
אקייגן איר כ׳בלייב שטיין,
און פון מיין הארץ ארויס
עס רייסט זיך ווי געוויין.

גוט כאטש וואס אין מיין טרער
שפיגלט זיך אירס א שיין —
אין בין־השמשות־שעה,
ביי איר שקיעה פארגיין.

## א וויי־אדר־טאג

**אזא גרויער קאלטער פרילינג־טאג,**
**איך זיץ איבער א בוך אינם פאלטן;**
**עס פלאנטערן זיך גריי די שורות,**
**די אויגן ווייסן נישט ווו זיי האלטן.**

**דער הימל טרערן איבערלאפן,**
**הענגט א שווערער אפולער מיט**
**טרויער,**

די ווארקנדיקע טויב אין דער שויב—
דער טאטע געבערימט וואלט אין זוהר:

"תא חזי", קום און זע, "האי עלמא"—
טאקע דו וואס קאן מען זי פארגלייכן?
צום גרויען טריפנדיקן הימל,
דעם אייסגעלאשענעם טויטן־בלייכן.

## „ונהיה גם אנחנו ככל הגוים״

„אויב וועלט איז ווי זי איז,
ווילן מיר נישט זיין בעסער — — —
ווילן מיר אויכעט לעבן
אויפן שארף פונם מעסער.

„ווי אלע פעלקער ארום,
פרייע ווילן מיר ווערן —
אויפן שפיץ פונם לעבן
און נישט גיסן רק טרערן״.

„צוויי טויזנט יאר אין גלות,
איר ווייסט וואס גוים זיינען!
און דאך ווי זיי ווילט איר זיין״.
און גאט טוט זיך צעווייגען:

„נביאים ברויכט איר? טרעפער!
מ׳זאל אייך פון די הענט לעזן!
צוויי טויזנט יאר גלות און
געבליבן וואס געוועזן —

„פארלוירענע אייזלען, וואס
קאנען זיך נישט געפינען,
וויינען און יאמערן, אז
אראפ מ׳קאן פון זינען.

„יעדער מינדעסטער אטאם
פול איז שוין מיט צעשטערן,
אויב דאס איז מעשי ידי?
תהו ובהו ווערן״ — —

„אויב דו קיין בעסערע וועלט
נישט געקענט האסט מאכן?״
טוט זיך דער שטן מיט זיין
חברה הילכיק צעלאכן.
— — — — —

און אין טויער פון רוים זיצט
משיח אין זיינע וואונדן,
און ער האלט זיי אין איין
אויפבינדן און צובינדן.

## דאס אייביקע פאלק

אזויפיל פעלקער אונטערגעגאנגען,
און מיר זיינען איבערגעבליבן,
א וואונדער איז, אז מיר ווערן געהאסט
אזש ביזגעלע זעלבסטמארד געטריבן.

א, זיי ווייסן גוט די וואס יאגן אונז,
און מיט קנאה־שנאה אונז טרייבן,
אז זייער אונטערגאנג נאנט און זיכער
און מיר דאך אייביק לעבן בלייבן.

אזוי ציט זיך שוין הונדערטער דורות
און תמיד עס וועט נישט אויפהערן—
אויב אייביק לעבן מוז מען קאנען גיין
קעגן קנאה־שנאה געווערן.

די הייליקע דערנידריקטע פאלן,
אבער זוכה זיין אייביק בלייבן —
די אומשטערבלעכע פון אייביקן פאלק
מיט קדושים־בלוט אלץ פארשרייבן.

איז דען אזעלכעס ווען געשען אמאל
און גאנצע וועלט ארום זאל שווייגן?
א, ווען דאס וועט אויפגעשריבן ווערן
אונזער אייביקייט איבערצייגן.

א, אונזער ביטערסטער און שווערס־
טער דור,
אז זעקס מיליאן איז עס געוועזן,
פאר הונדערטער דורות צו באשרייבן,
אין דער אייביקייט מ׳זאל עס לעזן —



אזויפיל פעלקער אונטערגעגאנגען —
און מיר זיינען איבערגעבליבן!
אז וואס געשען — לדורי־דורות
א תנ״ך ווערן אויפגעשריבן.

און דעמלט אויפהערן קנאה־שנאה
און אייביקער שלום וועט ווערן,
און פרייד־טרערן אין מענטשלעכע
אויגן
לייכטן ווען הימלישע שטערן!

## א האלוצינאציע-ליד

זיינען מיר א פאלק, אן אומה
אדער א הלצה־נאציע?
א פארטיי מיט אנגעשטעלטע,
א פושקע־ארגאניזאציע?

עס ווערט פינסטער פאר די אויגן,
ווען מען שטעלט זיך אט די קשיא —
אז ס׳איז א שאלה איז טריפה!
און ס׳העלפט קיין תוספות, קיין רש״י

נישט פארענטפערן מען וועט עס,
וויפיל מיט פינגער נישט דרייען,
יא, און עם קדוש מיר זיינען!
נישט קיין פאריינען, פארטייען.

איז ווייניק זעקס מיליאן קדושים
אן עם־קדוש מען זאל ווערן?
ס׳רייסן זיך ביי די נעזער איינס
פאר אלעמאל ס׳מוז אויפהערן!

## פאר מיין שכנטע אויבן

ווי געטלעך און ווי דערהויבן,
קוקסט ארויס פון פענסטער־שויבן
און זעסט א גאט איז דא אויבן,
און דיין הארץ פול ווערט מיט גלויבן.

אינם רינשטאק, אין די שטויבן,
וואקלען הונגעריק די טויבן.

ברייזעלעך פאלן פון אויבן
און זיי פרום־ווארקענדיק קלויבן.

וויאזוי נישט צו טון גלויבן,
אין העכערס, אין גאט, צו לויבן:
פארוואר, א געטין שטייט אויבן,
ברעקלעך זי שיט און זיי קלויבן.

## „יושב בשמים ישחק״

לעבן לעבט מען א ווײלע,
און אייביק איז מען טויט.
און ווי מ׳מארדעוועט זיך דאס
פארן פיצעלע ברויט.

עס צו האבן צו דער זאט,
גאנצע וועלטן מ׳לייגט איין!
און איידער וואס, איידער ווען,
אין גרוב מ׳לייגט שוין אריין.

אזוי ס׳גייט־אן אן אויפהער,
א דור איין א דור אויס,
טויזנטער דורות מ׳ווייסט שוין
וואס פון דעם ס׳קומט ארויס.

אז וואס טויג דאס גאנצע שפיל,
און ווער קאן עס פארשטיין,
און וואס וועט ארויסקומען,
אז מ׳וועט עס שוין דערגיין?

„יושב בשמים ישחק״!
אזא שפיל זיך געמאכט,
זיצט זיך אין הימל אויבן
און אן אויפהער ער לאכט.

ווי יעטווידעס מענטשעלע,
שפילט דאס זיין ראלע פיין,
א טריאטער באמת,
מענשנס לאכן און געוויין.

## פינף קליינע לידלעך

• • •

ווי מען ניט ווייסט וואס דער טויט איז
אזוי וואס לעבן נישט מען ווייסט —
בכל־אופן פון ביסל לעבן,
מיטן טויט מען ווערט אויסגעלייזט.

מען הייבט עס אן צופילן שוין,
מען וואקלדיק שווערלעך, שפרייזט;
מען איז נישט מער איך—א פרעמדער
מ׳וואקלט שוין ווי עפעס א גייסט.

• • •

רעגן אין לאנדאן,
איז עס א נייעס?
בלויז נאך שטיקל זון,
ווי ס׳גייט אויס ס׳חיות.

אבער ווי דער קאפ
זאל זיך נישט שפאלטן,
אז מען וויל לעבן,
מוז מען אויסהאלטן.

• • •

וועל איך מיין פרילינג לידל,
האיאר נאך כאטש אויסזינגען?
וועט ווייניקסטנס מיר דאך נאך,
ס׳געזעגן ליד געלינגען?

דער הימל אזוי פינסטער פרעמד,
קיין שטערן נישט צו ליינען — —
די גאנצער גרויסע גרויע טעג,
זיי האלטן אין איין וויינען.

• • •

[פאר עלא זילבערג, צום טויט פון
איר געליבטן ברודער]
מיט לעצטע כוחות
לעבן דאך בלייבן —
איז נאך א לידל,
שטילינק אנשרייבן.

בלויז פאר וועם, צו וואס?
דא ווער זאלס הערן?
און אז קיינער ס׳זעט,
ס׳רינען די טרערן.

• • •

יעדער שריט מוז זיין,
ס׳לעצטע צודערגיין,
נאר דעמלט אליין,
לוינט דאס וייטערגיין.

און אז מען בלייבט שטיין,
איז א קריץ מיט די ציין
אין ווייטער מ׳נעמט גיין —
צומעל נ׳גריב אריין.



## צו מיינס א ליד היינט

ווי וואלט איך טרויעריק געווען היינט,
ווי סמוטנע כ׳בין אלע מיינע טעג,
אבער א ליד געשריבן כ׳האב היינט,
וויאזוי מרה־שחוריק זיין כ׳מעג?

א יום־טוב פאר מיר דער טאג, א פרייד,
ווען א מינדסט לידל אין אים איך שרייב — —
איז וויאזוי סמוטנע זיין איך קען,
אז א גרויס נחת פון מיר אליין כ׳קלייב?

אין טאג ווען שטארבן נאך שרייבן כ׳וועל!
און מיין שענסטע ליד, מסתם, דעמלט זיין — —
נישט נאר איך, נאר ארום מיר דעמלט
ס׳וועט קיין איין טרויעריקער נישט שטיין.

## א יידיש־פייערלעכער יומטוב אין אוניווערסיטעט פון תל־אביב

דר. יעקב מייטליס איז ערשט צוריקגעקומען פון א לענגערן אויפהאלט אין אימ־ישראל, ווו ער איז געווען פארבעטן צו זיין דער גאסט־רעדנער אויף דער פאזאנטער פייערונג פון דער דערעפענונג פון א יידישער ביבליאטעק אינעם אוניווערסיטעט פון תל־אביב. די איניציאטארן און נדבנים פון דער ביבליאטעק וואס באשטייט שוין היינט פון עטלעכע טויזנט בענד און וועט נאך ווייטער וואקסן און זיך פארגרעסערן מיט נייע און אלטע ווערק פון דער יידישער ליטעראטור, זענען וויליאם מרגליות אין לאנדאן און זיין שוועסטער פראפ׳ עליזה שלוי אין ירושלים. דערמיט האבן זיי געשאפן א וואגיקן מאנומענט פאר דער פארשטארבע־קולטור אין יידיש און ביי גלייך א ווערדיקן אנדענק פאר זייערע נע עלטערן, וואס טראגט דעם שיינעם נאמען „בן־ציון און פערל מרגליות״ ווי א גוטער, נאמנותדיקער זכרון פאר זייער צוגעבונדנקייט און ליבשאפט פאר דעם יידישן ווארט און זיין קולטור.

אינעם רחבותדיקן בנין פון דער תל־אביבער ביבליאטעק האט זיך פראווען פארזאמלט א שיינער און געקליבענער עולם פון קולטור־עסקנים, העברעישע און יידישע פען־מענטשן און פארבעטענע געסט, כדי צוזאמען מיט דער משפחה מרגליות פראווען דעם יומטוב פון יידישן בוך און זיין אימפאזאנטער ביבליאטעק. איינגערעמלט פון יידישע לידער פון דער באקאנטער קינסטלערין מרים פוקס מיטן פרעזידענט פון אוניווערסיטעט פראפ׳ חיים בן־שחר בראש, האבן גערעדט דער הויפט־ביבליאטעקער פון אוניווערסיטעט דר. דן סימאן, יוסף כרמל, דער כוח־הדוחף פון דער קולטור־ארבעט און דער גוטער נדבן וויליאם

מרגליות. דר. יעקב מייטליס האט זיך אין זיין רעדע אפגעשטעלט אויף דעם זעלטענעם, שיינעם ייד און נדבן בן־ציון מרגליות, זיין ליבשאפט און געטריישאפט צו יידיש און העברעיש, א ייד א בעל־מידות מיט מעשים־טובים, און געשטיצט מיט א ברייטער האנט יידישע און העברעישע שרייבערס און זייערע ווערק, און דערצו געגעבן א מתן־בסתר דארט וווּ מען האט באדארפט געבן. דער שיינער, יידישער קלוב ״אוהל״, געשאפן פון יידישלעך־ניגדישער מרגליות משפחה אין דער צייט פון דער מוראדיקער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווארן א ווארעמע היים און זאל־פונקט פאר יידישע פליטים, קינסטלערס און גייסט־מענטשן, און געווען אן אמתע ברכה פארן יידישן ווארט אין יענער גורלדיקער צייט. דער רעדנער האט אויך אין זיין תוכיק ווארט באטאנט די גרויסע חשיבות פון דער מיזרח־אייראפעישער יידישקייט, מיט איר איינזינדיקן דרך און ירושהדיקייט, יידיש לשון און זיין קולטור, וואס מען מוז ווייטער אנהאלטן און אפהיטן ווי אן אבן־טוב פאר די קומענדיקע דורות. צום סוף האט נאך געלייענט א קורצן רעפעראט אויף דער טעמע, ״די יידישע פאעזיע און די מאדערנע וועלט״, דער באקאנטער פארשער פראפ׳ בנימין כרושאווסקי פון אוניווערסיטעט אין תל־אביב. א שיינער קבלת־פנים מיט כיבוד האט פארענדיקט די דאזיקע פרעכטיקע שמחה לכבוד יידיש און זיין קולטור.

• • •

אגב, ווי מ׳שמועסט אין די ענגע קרייזן פון אוניווערסיטעט אין תל־אביב, איז פאראן א פלאן בקרוב אויפצושטעלן אינעם אוניווערסיטעט א קאטעדרע פאר יידיש און זיין פארשונג. פראפ׳ בן־שחר און זיינע מיטארבעטערס ווילן מיט אלע כוחות זאגן, אז דער נר־תמיד פון דער מיזרח־אייראפעישער ירושהדיקייט זאל זיך חלילה נישט פארלעשן. א מוסר־השכל פאר אלע וואס פריידיקן אז עס איז שוין ניטא פון וואס צו רעדן אוזא שאד צייט און א ווערלכער עס איז אנשטרענג און פעולה.

• • •

דער אמעריקאנער שרייבער מעינקע קאץ און זיין פרוי די מאלערין רבקה קאץ זיינען געווען דא אין לאנדאן אויף א באזוך ביי זייער זון דוד קאץ.

״ברודער, אן יידיש, וואס איז דיין קינהייט, וואס איז דער מא.
אויב נישט ווי אן בליטן — א הוילע רויז ?
ברודער, אן יידיש, אן דיין קינדהייט, אן מאי,
ווי רייסט מען פון אזויפיל טויט זיך ארויס ?
אן יידיש : טויזנט יאר חלום טויזנט יאר מאי !״

פון מעינקע קאַטס בוך ״אינמיטן טאג״

## א ניי ווערק פון דר. יעקב מייטליס

ווי מיר הערן, גייט איצט ארויס אינם ישראל־בוך פארלאג אין תל־אביב, א ניי בוך ״פון ווייטן אמאל ביזן היינט״, א זאמלונג פון תוכיקע פארשונגען און



עסייען אויפן געביט פון תנ״ך, געשיכטע, יידישע ליטעראטור און פאלקלאר, און דערצו עטלעכע אינטערעסאנטע קאפיטלעך זכרונות אדורך א ריי באקאנטע יידישע פערזענלעכקייטן און שרייבערס. זאל דאס זיין א סימן־טוב מיט הצלחה פארן מחבר.

## אייזיק גאלדבערג — א בעל־יובל

עס איז געווארן א מנהג צו באגריסן איינעם צום געבוירן־יאר, בפרט נאך אויף די עלטערע יארן. אזוי איז בלי־שום־ספק ווערט צו באגריסן דעם רעציטאטאר, אייזיק גאלדבערג, וועלכער איז יעצט געווארן פינף און אכציק — עד מאה־ועשרים !

דא אין לאנדאן איז ער גוט באקאנט אין יידישע קולטור־קרייזן. אליין שוין ביי ״די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס״ איז ער אקטיוו אן ערך פון צוויי און פערציק יאר מיט רעציטירן פון אונזערע יידישע קלאסיקער ביז די נאכפאלגנדיקע שרייבער. אחוץ דעם שרייבט ער אליין אויך אפטמאל אין ׳לשון און לעבן׳.

אויך אין בערלין איז ער געווען אקטיוו אינם יידישן קולטור־לעבן אן ערך צוואנציק יאר.

די אלע, וואס קאנען אים, ווילן זיך אנשליסן צוזאמען אים צו ווינטשן א גוט געזונט צוזאמען מיט זיין ליבער פרוי, צביה, און אז ער זאל זיין בכוח ווייטער אנצוגיין אויף דעם ליטעראַרישן געביט. נאך אסך גוטע, געזונטע יארן! אויך זאלן זיי האבן אסך נחת פון זייער ליבער טאכטער, העלא און איידעם, דזשאו ריטשמאן, מיט זייערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך !

סעם גאלדבערג

[יידישער שוישפילער און פאלקס־זינגער]

## דער פאטער פון נייעם יידישן ״נאציאנאל-טעאטער״ אין אמעריקע

הערמאן יאבלאקאוו, פרעזידענט פון יידישן ארטיסטן־פאריין אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע איז, ווי ס׳איז געווען צו דערווארטן, אויפגעטרעטן אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג, וואס איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 17טן נאוועמבער, 1980. צוזאמען מיט אים איז אויך אויפגעטרעטן דזשעק רעכטציט, דער וויצע־פרעזידענט פונם פאריין.

מען האט געדארפט אפגעבן א באריכט פון דער טעטיקייט פונם פאריין און זיינע מיטגלידער, באהאנדלען געוויסע פראבלעמען הן פון די מיטגלידער הן פון פאריין און אויסזיכטן און פלענער פאר דער צוקונפט.

קודם־כל האט מען אויסדערוויילט א פארזיצער פאר אט דער דאזיקער פארזאמלונג, און דאס איז געווען א גוט־באקאנטער און פאפולערער אקטיאר מיכאל מיכאלעוויטש.

הערשל ראזען, דער באריכטן־סעקרעטאר פונם פאריין, האט פארגעלייענט די פראטאקאלן, און באלד האט זיך אנטוויקלט א צעפלאקערטע דיסקוסיע ארום זיי. אט די דיסקוסיע איז אנגעגאנגען א לאנגע צייט, אזש ביז שפעט אין אוונט. מען האט געשריגן און געטענהט, כלערליי פרעטענזיעס האבן זיך געלאזט הערן!...

ביי א געוויסן מאמענט האט הערמאן יאבלאקאוו זיך אויסגעדרייט אין א זייט, אויסגעטרונקען א גלאז קאלט וואסער און אראפגעשלונגען צוויי פילן. האט געגומען דאס ווארט, הגם ר׳איז נישט ביים בעסטן געזונט. אבער מערק־ווירדיק איז, אז א קינסטלער דארף שפילן טעאטער אדער רעדן אויף א פאר־זאמלונג צינדט זיך אין אים אן עפעס א מין פייער, וואס מאכט אים פארגעסן אין אלעם און ער באקומט ממש כחות ווי א ריז צו טון וואס מען דערווארט פון אים צי אין טעאטער צי אויף א פארזאמלונג.

מען האט געפילט איבערן גאנצן זאאל אט אזא מין כוח און פייער אין דעם, וואס חבר הערמאן יאבלאקאוו האט געהאט צו זאגן. עס איז געווארן רואיק, און אויס מיטן בונטעווען זיך, אויס מיטן שרייען און געוואלדעווען! יעדערער האט אנגעשטעלט מויל און אויערן — איבערהויפט די אויערן — כדי צו הערן וואס דער פרעזידענט פונם ארטיסטן־פאריין, חבר הערמאן יאבלאקאוו, האט געהאט צו זאגן. גערעדט האט ער איבער דער לאגע פון יידישן טעאטער בכלל און איבער זיין אייגענעם טרוים פון א ״נאציאנאל יידיש־טעאטער״ בפרט.

מען האט דאך ערשט נישט לאנג געפייערט 100 יאר פון יידישן טעאטער, געגרינדעט לכתחילה פון אברהם גאלדפאדן אין יאסי, רומעניען. און איצט זאל מען זיך צופרידנשטעלן מיטן שטילשטאנד אין ניו־יארק? און וואס האט מען צו זאגן צו די סאמע שווערסטע קריזיס־צייטן, מיט וועלכע דאס יידישע טעאטער שטייט פנים־אל־פנים היינט־צו־טאג? ניין, מען טאר נישט ווערן אפהענטיק — האט חבר הערמאן יאבלאקאוו אויסגעשריגן, מיט זיין מעכטיקער שטימע — אויף דער פארזאמלונג — מען טאר נישט רוען, מען מוז פארווירקלעכן דעם טרויס פון א יידיש־נאציאנאל טעאטער!

הערמאן יאבלאקאווס רעדע האט ארויסגערופן ענטוזיאזם צווישן די פאר־זאמלטע, און מען האט גענומען קוקן אויף אים ווי אויף א בעל־שמחה ממש... ער האט טאקע אזוי געשיינט, און פון אלע זייטן האט מען גענומען אים באוואר־פן מיט קאמפלימענטן און אפילו אים געוואונטשן ״מזל טוב״! צו דער אידייע, אז בקרוב וועט מען טאקע פייערן די דערעפענונג פון נייעם ״יידישן נאציאנאל־טעאטער״ — זיין אידייע, זיין טרוים, און אט דא אין ניו־יארק!

זאל דער פסוק ״הזורעים בדמעה ברינה יקצורו״ — די, וואס זייען מיט טרערן, וועלן שניידן מיט פרייד, מיט געזאנג — באמת מקוים ווערן אין און מיט דעם ליבן חבר הערמאן יאבלאקאוו!